STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02372

ISHAH RAAH

Joseph Latteiner

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אשה רעה

(די שלעכטע פרויא)

אפערעטטע אין 4 אקטען

פאן

יאזעף לאטיינער.

קראקא תרס"ז.

דרוק פאן יוסף פישער.

אייגענטהום אונד פערלאג פאן דוד ראטה, בוכהאנדלונג אין לעמבערג.

ИША РАА т. е. ЗЛАЯ ЖЕНА.

Оперета въ 4-хъ дѣйствіяхъ. Соч. І. Латейнера.

Типографія І. ФИШЕРА въ Краковѣ.

פערזאנען.

אבנר — איין גענעראל.

איזבל — זיינע פרויא.

שלומית — דערען טאכטער.

אנטיגנוס — איין הויפטמאן.

חנוך — זיין פערטרויטער.

פרץ }
מלכה } דיענער בייא אבנר.

קעניג הורקנוס.

איין קערקערמייסטער.

תלמי — פערלארענער זאהן פאן אבנר.

סעלים — איין פערזישער העער אנפירער.

פערזער. יודען. מיליטער עטצ.

I. אקט (M. Rittornelle)

(צימער בייא איזבל, אויפטריט מערכען מיט ראזען אונד לארבערקרענצע.)

קאהר: ויעגעם ליעדער לאוט אונז פריילִיך זינגען
מיט פריידע אונד יובעל לאוט אייערע שטימען קלינגען
אונזער פריינדע צו בעגריסען איהר פאר דיזעם הויזע
מן קאמע קאמע זיעסע פריינדין קאם צו אונז ארויס
יא אן דער שפיטצע פון זיינע קריעגער
קאמט שוין דער פאטער אלם אונזער זיעגער
דער גראסער העלד ער לעבע לאנג יא
ער זאל לעבען לאנג — הידד.

(אויפטריט שלומית)

שלומית: אה פריינדין טייערע מיין הערצליכסטען דאנק
וויא ליעבליך קלינגט אייער גרוס צו מיינעם אהר
מיט לוסט אונד פריידע שליעסע מיך אין אייערעם קאהר
מיינעם פאטער צו בעגריסען אונד איהם צו ווינשען גליק
נאך 2 יאהרע קאמט ער ווידער אין זיינע היימאט צוריק. יא

מערכען: פערפלאסען זינד שוין באלד 2 יאהר
זייט וועק פאן אונז איז דער גרויסער העלד
נעגען ווילדע פעלקער אין דער שלאכט
זיא בעזיעגט אונטערטהעניג געמאכט

שלומית: הייט קאמט צו אונז

קאהר: דער גראסער העלד

שלומית: זיין נאמען איזט

קאהר: בעריהמט אויף דער וועלט
דאס לאנד בעגריסען מיט יובעל אונד געזאנג
דער גרויסער העלד יא ער לעבע לאנג דאס לא[illegible]

שלומית: מיט יובעל אונד געזאנג

קאהר: דער גרויסער העלד
שלומית: יא ער לעבע ער לעבע לאנג
קאהר: דאס לאנד בעגריסט
שלומית: מיט יובעל אונד געזאנג
אללע: יא יא ער לעבע לאנג

(אויפטריט איזבל) (I. Ritt.)

איזבל: דאנק איך ליעבע קינדער פיר אייער גליק וואונש, קאמט איינסטווייל אין מיין הויז, דאן געהען וויר אללע צוזאממען. (II. Ritt.)

מערכען: פערפלאכטען זינד שאן . . . (מעדכען אב)

שלומית: מוטער ווילסט דוא מיר איינע פראגע ערלויבען?

איזבל: שפריך מיין קינד.

שלומית: שוין באלד 2 יאהרע זייט דער פאטער איזט וועק אין דען קריעג געגען דיא ווילדע היידען, וויא פיעלע שלאפלאזע נעכטע אהנע טראכסט, אהנע רוה האבען וויר ביידע צוגעבראכט וועהרענד דיעזער צייט, הייטע אבער האט אונז גאט געהאלפען אונד דער פאטער קאמט ענדליך צוריק אלס דער גרעסטער העלד אונד זיעגער, מיט פריידע יובעלט איהם דאס גאנצע פאלק ענטגעגען, נור דוא אליין מוטער, דוא זיינע פרויא נימסט קיינען אנטהייל אן דיעזער פריידע, יא איך לעזע עס דייטליך אין דיינע טרויריגע בליקען, זא וויא בין יעצט, זא ביסט דוא אויך הייטע מיסגעשטימט אונד ניעדערגעשלאגען, וואר עס אלזא ניכט דיא זעהנזוכט נאך דיינעם מאן, וועלכער האט דיר ביז יעטצט דיינען שלאף געראובט אונד דיינע אויגען נאס געמאכט? ניין נור איין אנדערער קומער פערפאלגט דיך איזט עס ניכט זא מוטער?

איזבל: יא מיין קינד, דוא האסט רעכט.

שלומית: ווארע דאס מעגליך? דוא דאס וייב פאן זא איין וועלטבערימטען העלדען, בעניידעט ווירסט דוא פאן אללע פרויען זא איינען מאן צו בעזיטצען, אונד דיך קאן זא איין גליק ניכט ערפרייען? ערקלעהרע מיר דיעזעס רעטזעל מוטער.

איזבל: מוטער! דיעזעס איינע ווארט שפריכט אללעס אויס. וואס איך ליידע, וויא זאל זיך דאס וייב גליקליך פיהלען ווען דאס מוטער-

הערץ איזט געבראכען? מוטער וואר איך פאן איינען איינציגען זאהן
האט מאן מיר איהם ענטריסען אונד גרויזאם אומגעבראכט, ווילסט
דוא איך זאל ניט קלאגען? זאל איך טהייל נעהמען אן דיין פאטערס
טריאומפף, וועלכער איזט בעצאהלט מיט דעם בלוט פאן מיינעם
זאהן?

שלומית: מוטער דוא זיעהסט מיך שטוינען? צום ערסטען מאל הערע
איך דיך זא רעדען, דיין זאהן דיר ענטריסען, גרויזאם אומגעבראכט,
מיך שוידערען דיינע ווארטע, וואן איזט דיעזעס געשעהען? ווער האט
דאס געטהאן? אדער האט דיר נור איין בעזער טרוים זאלכע
שרעקענס בילדער פארגעשפיעגעלט אונד דוא העלסט עס פיר
וואהרהייט?

איזבל: איין טרוים? אך! ווערע עס נור איין טרוים, אבער לײדער דאס
וואס דוא האסט יעטצט פאן מיר געהערט איזט ביטערע וואהרהייט,
דאך גענוג דאפאן, דרענגע ניכט ווייטער אן מיר מיט פראגען, איך
וויל דיר ניט ווייטער אנטווארטען, נור דאס איינע מערקע דיר,
הייטע נאך ווירד מאנכער העלד בעניידעט אום זיינע גראסע מאכט
אונד עהרע, אבער שאן מארגען קאן דיא וועלט בעדויערן זיינען
טיעפסטען פאל. (אב אינם הויז) (I. Ritt.)

שלומית: וויא זאל איך דאס פערשטעהען? וועלכען העלדען מיינט זיא
דאמיט? דען פאטער פיעלייכט? איהר אייגענען מאן? אלמעכטיגער
גאט, ווערע זא וואס מעגליך?... יא איך וויל אונד מוס אלעס פאן
איהר ערפאהרען, אונד איזט איהם בעהיטע דער הימעל זיינע פרויא
פאלש געווארדען, זא זאל איהם שיטצען זיין טרייעס קינד. (אב)

(II. Ritt.) (אויפטריט פרץ)

פרץ: הערט ראטא פלאם ראטא פלאם
עם קומט דער העלד זעהט א העלד
מיט א ראטא פלאם פון דעם שלאכט פעלד
הערט מען נור פרץ קומט
מיט זיין ראטא פלאם יעדער שטימט
אויף דער מלחמה דער
ווער האט געזעהן ווער

קֶעפּ זֶענֶען גֶעפְלוֹיגֶען
מֶענְשֶׁען אוֹיסְגֶעצוֹיגֶען
כְּאִיז נִישְׁט גֶעוֶועזֶען שְׁוֶוער
טְרֵייטֶען טֵייטֶען מֶעהְר
הֶענְטְלִיךְ אוּנ פִּיסְלֶ׳עךְ
צוּקְנַאקֶען וְוִיא דִיא נִיסְלֶעךְ
אוֹיף דֶער מִלְחָמָה׳ אִיז נִיט גוּט צוּ גֶעהְן
דִיא טוֹידְטֶע דָארְט נוּר בְּרְרָרר אָנְצוּזֶעהְן
פוּן 1000 לֶעבּ אִיךְ נוּר אַלֵיין (וֵוייסְט אִיהְר פַאר וָואס?
וֵוייל אִיךְ בִּין דַאבֵּייא גָאר נִיט גֶעוֶוען
וֵוייל שׁוּלְדִיג אִיז אֵיינֶע
מַיין מִילְכָּהנְיוּא דִיא קְלֵיינֶע
דוּרְךְ אִיהְר הֶערְצֶעלֶע דָאס רֵיינֶע
אוּנ אִיהְר פֶּנִימֶ׳ל דָאס שֶׁענֶע
הָאט מִיךְ דָאס אוּמְגְלִיק גֶעטְרָאפֶען
וֵוייל זִיא אִיז מִיר אִין קָאפּ גֶעלֶעגֶען
גֶעה דִיךְ מִיט דֶעם שׂוֹנֵא קְרִיעגֶען
בִּין אִיךְ פַאר דֶעם שׂוֹנֵא אַנְטְלָאפֶען
מִילְכָּה קוּם שׁוֹין אַרוֹים (כיטם)
דִיא כּחוֹת פוּן דֶעם גִבּוֹר גֶעהְן שִׁיעֶר אוֹיס
מִיט דִיר אַרוּם גֶענוּמֶען
קֶען אִיךְ נָאךְ בֶּעקוּמֶען
צוּרִיק מַיין כֹּחַ וְוִיא פְרִיהֶער
אוֹי מִילְכָּה מִילְכָּה קוּם אוּנ בְּלַייבּ מִיט מִיר
וֶועסְט דוּא זֶעהְן וְוִיא אִיךְ וֶועל בְּרְרָרר
רַאטַא פְלַאם וְוִיא פְרִיהֶער
עֶס קוּמְט אַ הֶעלְד זֶעהְט אַ הֶעלְד
מִיט אַ רַאטַא פְלַאם אִין דֶעם שְׁלַאכְטְפֶעלְד
הֶערְט מֶען נוּר פֶּרֶץ קוּמְט
מִיט זַיין רַאטַא פְלַאם וּפְלַאם! רַאטַאטַא פְלַאם
רַאטַאטַאטַא פְלַאם בְּרְרָרר פְלַאם רַאטַאטַא פְלַאם.

(אויפטריט מילכה אוים דעם הו׳ !)

מילכה: אוי ווען איך האב קיין אירמהום אין דאם ..

פרץ: נוא נוא ? ווער ... ווער ?

מילכה: פרץ!

פרץ: נוא יא, וואס זשע שטעהסט דוא נאך פון די ווייטענס מיין שעגע
מילכה ? געדענקסט דוא פאר 2 יאהרען האב איך אויף דעם וועלבען
פלאטץ גענומען פון דיר אבשיעד ווען איך מיט דעם גענעראל אבנר
זענען אוועק אין דער שלאכט.

מילכה: ביזט דוא עס פרץ?

פרץ: נוא יא ווער דען אז נישט פרץ?

מילכה: (זיפצענד) דער זעלבער פרץ וואס האט מיך אמאל ליעב געהאט
און דאך האט ער עס נישט געפינען דער מיהע ווערט מיר א בריעף
צו שרייבען די גאנצע 2 יאהר.

פרץ: אבער מילכהלע ווי האב איך צייט געהאט דיר בריעף צו שרייבען
אז איך האב מיך געהאלטען אין איין שלאגען?

מילכה: די גאנצע צייט?

פרץ: וואס פרעגסט דוא? ווייסט עס קוים גלייבען אז דער פרץ וואס
האט אמאל נישט געטשעפעט א פליעג אויף דער וואנד דער זעלבער
פרץ האט גענומען א וועלט מיט מענשען און האט זיי אויס-
געשלאכטעט אזוי ווי די לעמער.

מילכה: דוא?

פרץ: (שטאלץ) איך !!! איך בין ארום געשווימען אין בלוט אזוי ווי א פראש
אין וואסער.

מילכה: דוא!

פרץ: איך! גאנצע לענדער האב איך מיט די פים צוטרעטען, די
שטארקסטע פעסטונגען האב איך מיט די פינגער צעריבען, איך
האב גענומען די שטארקסטע שטעדט און מיר אריין געלעגט אין
ביזעם, אפשר ווילסט דוא א שטאדט גיב איך דיר, איך קען דיר גאר
נישט אזוי פיעל אויסדערצעהלען וואס איך האב אלץ אזוי פיעל
אפגעטהון אין די צווייא יאהר אין די פערשיעדענע מלחמות.

מילכה: דוא און אלץ דוא? נוא און דער גענעראל אבנר?

פרץ: נו... א דער געוועזענער אבנר אויך, איך און ער בשותפות.

מילכה: ביזט דו ווירקליך נישט מעהר דער זעלבער פרץ פון אמאל?

פרץ: רעד נישט מעהר צו מיר פון דעם אמאליגען פרץ, יענער פרץ וואס האט אמאל אויסגעקעהרט די שטוב און צוגעוויגט דאס קינד יענער פרץ איז געשטארבען.

מילכה: ברוך דיין אמת!

פרץ: יעטצט זעהסט דו פאר דיר א שפּיגעל נייעם פרץ. (ציהט זיך אויס שטאלץ)

מילכה: ברוך מחיה מתים! (זיפצענד) אוי דאס הערץ האט עס מיר געזאגט.

פרץ: וואס האט דיר דאס הערץ געזאגט?

מילכה: אז דו וועסט צווישען די סאלדאטען פערדארבען ווערען.

פרץ: פערדארבען ווערען? וואס רעדסט דו מילכהלע? וויא האב איך צייט געהאט פערדארבען צו ווערען אז איך האב מיך געהאלטען אין איין שלאגען?

מילכה: איך געדענקסט דו נאך דעם אלטען פרץ וויא עהרליך וויא גוט ער איז געוועזען?

פרץ: עהרליכקייט און גוטסקייט האט דער נייער פּרץ פון דעם אלטען פרץ עליו השלום געירשענט.

מילכה: און דיין ליעבע צו מיר? איז זיא נאך אזוי וויא פאר 2 יאהרען?

פרץ: אזוי וויא פאר 2 יאהרען נאך מיט פראצענט פאר 2 יאהרען.

מילכה: און דיין געטרייּשאפט?

פרץ: נאך מיט פראצענט פון פראצענט.

מילכה: מיינסט דו עס דען ערנסט?

פרץ: ווילסט מיר נישט גלויבען? קום!

מילכה: וויא אהין?

פרץ: חתונה האבען!

מילכה: (פערשעהמט) אבער... אבער דו וועסט נאר זיין מיינער?

פרץ: פון קאפף ביז פיס.

מילכה: אויף אימער אונד עוויג?

פרץ: אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט. לעולם ועד.

מילכה: פרץ'ל!

פרץ: מילכה'לע!

מילכה: ביזט דוא ערשט היינט געקומען?

פרץ: ערשט נישט לאנג.

מילכה: (רייכט איהם דיא האנד) שלום עליכם.

פרץ: עליכם שלום. ווע מילכה'לע מיין געטריישאפט צו דיר, אונז ביידע דאם הייסט מיר אונ דער גענעראל אבנר איז דיא גאנצע שטאדט אקעגען געלאפען אונ דער קעניג מיט א גאנצע פאראדע, איך אבער האב מוחל געווען דעם גאנצען כבוד דעם גענעראל אבנר אליין אונ איך בין געקומען צו לויפען צו דיר (ארומארמט זיא) מיין שען מילכה'לע.

מילכה: (פלעצליך ערשראקען) אוי ווע נאר ווער עם געהט אהער?

פרץ: ווער?

מילכה: דער הויפטמאן אנטיגנום.

פרץ: נוא וואס האסט דוא דיך אזוי דערשראקען?

מילכה: האסט שוין פערגעסען דאס דער הויפטמאן אנטיגנום איז דעם גענעראל אבנר איין בלוט פיינד? אונ דאך קומט ער דיא לעצטערע צייט צו איזבל, אבנר'ס פרויא אונ איז געווארען איהר בעסטער פריינד, מיר שרעקט זיך דאס הערץ פיר דעם עהרליכען גוטען אבנר.

פרץ: דעם גוטען עהרליכען אבנר וועט קיין האר געקרימט ווערען זא לאנג פרץ טראגט א פאנצער. (שלאגט זיך שטאלץ אין פאנצער)

מילכה: אוי אט איז ער שוין דא.

פרץ: נישט געשראקען (שטאלץ) אז איך בין מיט דיר פאר וועמען האסט דוא מורא?

(אויפטריט אנטיגנום)

אנטיגנום: איזט דיינע הערצין צו הויזע? (ערבליקט פרץ) אה! ביסט דוא עס פרץ אבנר'ס קנעכט?

פרץ: (העלדענמיטהיג) אבנר'ס פריינד?

אנטיגנום: (שפאטיש) חה חה חה! א גאנצער מענש געווארדען.

פרץ: א גאנצער מענש בין איך תמיד געוועזן.

אנטיגנום: אה? וועלכע פרעכהייט פאן איין דיענער! (צו מילכה) געה זאג דיינע הערצין דאס איך בין היער.

פרין: (האלט זיא מיט זיך) אזוי לאנג דוא האסט נאך נישט קיין געשוואלענע פיס ביזט דוא ניט קראנק אליין צו געהן.

מילכה: אמן.

אנטיגנוס: (וויטהיענד) שקלאווען! האבט איהר פערגעסען ווער איך בין?

פרין: א הונד מיט ציין! אבער זא לאנג פרין טראגט א פאנצער וועסט דוא בייסען א קרענק.

מילכה: אמן. (ביידע שטאלץ אבמארשירענד לאבען) הַ הַ הַ הַ (געהען צו איהם) הוהו! (אב)

אנטיגנוס: הַ הַ הַ הַ אבנר'ס פריינדע! יא יא אבנר, דער היטיגער טאג געהערט נאך דיר, היטע נאך לאכסט דוא אונד דיינע פריינדע מיט דיר, אבער ווער צולעצט לאכט, לאכט אם בעסטען.

(אויפטריט איזבל)

גריסט דיך גאט איזבל, אויף דיין געבאט בין איך היער הער געקאמען, דאך וואונדערט עס מיך דאס גראדע היטע ווען דער זיעגנם געקרעהנטער העלד אבנר קאמט ווידער אין זיינע היימאט צוריק, גראדע היטע האסט דוא נאך מיר געשיקט, פערייעכסט דוא פיעלייכט אונזערע פערשוועהרונג געגען איהם? מיינעט וועגען קאנסט דוא פאן אונזערעם בונד צוריק טרעטען ווען דוא ווילסט, אבער דאס זאגע איך דיר ווירסט דוא מיך פערראטען זא ווירסט דוא מיט מיר צוזאמען פאלען.

איזבל: האב נור קיינע אנגסט פריינד אנטיגנוס, איך בין נאך אימער דיא זעלבע דיא איך וואר, דאך צוערסט וויל איך הערען וועלכען פלאן דוא האסט געגען אבנר אונד אב דוא ביזט זיכער דאס דיעזער פלאן ווירד איהם פערדערבען.

אנטיגנוס: פערטיג איזט דער ברענשטאף דיא גרעסע דיעזעס העלדען צו צערשטערען אונד נור איין קליינער פונקע איזט גענוג איהם צו ענטצינדען.

איזבל: לאס הערען!

אנטיגנוס: מיין דיענער הנוך בעזיטצט איינע וואונדערבארע פעהיגקייט פערשיעדענע האנדשריפטען קונסטפאל נאך צו אהמען, זא האבע איך דיין נאמנם בריעפע וועלכע דוא אין מיינע הענדע איבערגעגעבען

האסט זא קונסטרייך אונד געשיקט מיט פאלשע בריעפע דעם,
וועבט דאס ער געפאנגען בלייבט אין זיינעם אייגענען נעטץ, זיינע
בריעפע צו דיר וויא זיא יעטצט לויטען קלאגען איהם אן אלס
פעררעטער אן דעם קעניג אונד פאטערלאנד, נון איזעבל ביזט דוא
מיט דיעזען פלאן איינפערשטאנדען?

איזבל: יא וויר זינד איניג, אבוואהל דיא אורזאכע דיא אונז דאצו טרייבט
איזט פערשיעדען, דיך טרייבט דאצו דער נייד איבער אבנר'ס גרעססע
איך אבער אטהמע ראכע... העררע אונד דאן אורטהיילע איבער איינע
פרויא וועלכע זיך געגען איהרען אייגענען מאן פערשוואהרען האט,
3 יאהרע נאך מיינע האכצייט מיט אבנר האט אונז גאט מיט דעם
ערשטען קינד געזעגנעט עס וואר איין וואונדער-שעהנער קנאבע,
אין איינעם אבענד בין איך מיט מיינעם געליעבטען זאהן אן מיינער
ברוסט אין איין טיעפען שלאף פערזונקען. אלס איך ערשט אם
אנדערען מארגען ערוואכטע וואר מיין קינד פערשווונדען, אויף מיין
פראגע האט מיר מיין דיענער ענטדעקט אז מיין קינד איזט וועהרענד
דיא נאכט פלעטצליך געשטארבען אונד אויף אבנר'ס בעפעהל האט
ער דיא לייכע שנעל פאן מיינער ברוסט ענטפערענט נאך בעפאר
איך האבע ערוואכט. פאר 2 יאהרען וויא דוא ווייסט האט אבנר מיט
זיינער ארמעע וויעדער אין קריעג געצויגען, אין איין קורצע צייט
האבע איך פאן מיין מאן איינען בריעף ערהאלטען אין וועלכעם ער
מיר שרייבט דאס, ווייל ער ווייסט ניכט אב ער ווירד פאן דיא
בלוטיגע שלאכטען לעבענדיג נאך הויזע קאממען זא מוס ער מיר
איינע גראסע זינדע געשטעהען.

אנטיגנוס: איינע גראסע זינדע זא?

איזבל: אונזער זאהן שרייבט ער מיר, אונזער ערשטעם קינד פאר 18 יאהר
איזט ניכט אן מיינער ברוסט געשטארבען וויא מען דאס מיר
דאמאלס געזאגט זאנדערן ער, דער פאטער האט איהם אויס מיינעם
בעט געשטאהלען אונד איהם טעטען לאסען.

אנטיגנוס: דער אייגענער פאטער זיין קינד ערמארדעט? וויא שרעקליך!
אבער ווארום?

איזבל: דורך איין טרוים.

אנטיגנוס: דורך איין טרוים?

איזבל: אלס וויר נאך קינדערלאו וארען שרייבט ער מיר ווייטער דא ווארדע ער פאן איין פירכטערליכען טרוים געמארטערט איינע נאכט נאך דער אנדערע. דיא קליגע געלעהרטע וועלכע ער האט אנגעפראגט האבען איהם געדייטעט דאס איהם ווירד איין זאהן, וועלכער ווירד צוזאמען מיט דיא ווילדע היידען קעמפפען געגען אונזער היילינ פאטערלאנד, געבארען ווערדען, זאגאר געגען זיין אייגענעם פאטער ווירד דיזער זאהן זיין שווערד ערהעבען אונד שפעטער וויא איך ווירקליך איינען זאהן געבארען האבע, האט ער זיך מיט שרעקען עראינערט אן יענע פורכטבארע פראפעציהונג. דאמאלס וואר זיין ענטשלוס פעסט ליעבער זא איין קינד צו פערליערען אלס איינען שענדליכען פערברעכער צו ערציעהען, מיך האט ער שרייבט ער מיר מיט שלאף געטראנק בעטייבט אונד וועהרענד דער נאכט האט ער דאס קינד אוים מיינע ארמע ענטריסען אונד עס איינעם פאן אונזערע טרייע דיענער איבערגעבען וועלכער האט עס אומגעבראכט.

אנטיגנוס: וויא שרעקליך, וויא אונערהערט! דוא האסט פאלקאמען רעכט איהם צו פעראכטען.

איזבל: וואס איך האבע געפיהלט וועהרענד איך האבע דיזען בריעף געלעזען דאס קענט איהר מענער ניכט עמפפינדען נור איינע מוטער נאר דיא קען מיינען שמערץ בעגרייפען.

אנטיגנוס: ארמע מוטער, בעדויערנסווערטע מוטער! (טראמפעטען שאלל)

איזבל: דאס פאלק יובעלט איהם ענטגעגען, אבער אונטער דיזען יובעל-געשרייא הערע איך אויך מיין קינדס יאמער געשרייא. יא פרייע דיך אבנר! פרייע דיך נאך הייטע, דען שאן מארגען איזט דיין גליק צושטערט, דיין גלאנץ פערלאשען, דיין נאמען פערניכטעט, מארגען וויל איך צו דיינער לוסט וויא אויך צו דיינעם לעבען מאכען איינע ענדע. (אב)

אנטיגנוס: חחחח זא זא איין ווייב איזט... עבען נור א ווייב, אין איהרע אויגען איזט אבנר איין מערדער, דיא אורזאכע דיא איהם

דאצו געטריעבען האט וויל זיא ניכט וויסען, דעסטא בעסער פיר מיך, נון אבער ענדליך האט דיינע שטונדע געשלאגען אונד אן דיינע שטעלע קאמע איך.

(אויפטריט חנוך)

חנוך: (קלאפט איהם אין שילטער) אונ איך? וויא בין איך?

אנטיגנוס: דוא ביזט עם חנוך?

חנוך: איך בין עם חנוך! דער אומגליקליכער חנוך, דער פערליעבטער חנוך!

אנטיגנוס: האסט מיר עטוואס צו זאגען?

חנוך: געוויס!

אנטיגנים: וואס?

חנוך: איך בין אומגליקליך! איך בין פערליעבט!

אנטיגנוס: דאס האב איך שאן פאן דיר געהערט 100 מאל.

חנוך: נאך איין מאל הערע עס וועט עס זיין 100 מיט איין מאל וועסט דוא עס נישט מעהר פערגעסען, געדענקסט דוא ווען דוא האסט מיר געגעבען דעם גענעראל אבנר'ס בריעפע איך זאל זייא פעלשען...

אנטיגנוס: שטיל.

חנוך: שש... איך וייס, איך וויים... סאיז א סוד... שש... געדענקסט דוא ווען דוא האסט מיך געהייסען נאך מאכען זיין האנדשריפט אונ האסט מיר געהייסען שרייבען......

אנטיגנוס: שטיל.

חנוך: דוא ווייסט שוין וואס דוא האסט מיר געהייסען דארט אריין שרייבען, געדענקסט דוא וויא דוא האסט מיר געוואלט געבען געלד האב איך געזאגט איך וויל נישט קיין געלד נאר א קליינינקייט, האסט דוא געזאגט וואס פאר א קליינינקייט? האב איך געזאגט איך בין פערליעבט אין דער שענער שלומית דעם גענעראל אבנר'ס טאכטער אונ וויל זיא פאר א ווייב, קענסט דוא מיר אויספיהרען דעם שידוך וועל איך דיר שרייבען דיא בריעף, האסט דוא געגעבען א שמייכעל, האב איך געגעבען א זיפץ, האסט דוא אויסגעשאסען איין געלעכטער, האב איך אויסגעשאסען א געוויין, האסט דוא געזאגט דומער יונגע האב איך געזאגט ליעבער הערר, האסט דוא געזאגט שרייב, האב

איך געזאגט נוא, האסט דוא געזאגט נוא נוא, האב איך געזאגט וואס נוא נוא, האסט דוא געזאגט עס וועט שוין זיין רעכט שרייב, האב איך געשריעבען. אונ איך ווארט פון איין טאג אויף דעם אנדערען אז עס זאל שוין ווערען רעכט, אונ איך ווארט אונ ווארט אונ ווארט אונ עס הייבט זיך ניט אן אונ עס לאזט זיך ניט אוים. (שרייבט מיט דער פעדער אין דער לופט).

אנטיגנוס: (אפארט) דער עזעל האט זיך דאס גאנץ ערנסט אין קאפף אריין געזעטצט, נון פאר דער האנד מוס איך איהם נאך אין מיינע הענדע האלטען, שפעטער ווערדע איך שאן וויסען וויא איהם אונ־שעדליך צו מאכען, (לויט) חנוך!

חנוך: הא?

אנטיגנוס: זא פיעל זאלסט דוא דאך וויסען, פערשטעהען, דאס זא לאנגע אבנר איזט זא גראס דארפסט דוא דאראן גאר ניכט דענקען.

חנוך: אומגליקליכער חנוך!

אנטיגנוס: אבער יענע געוויסע בריעפע?

חנוך: הם... הם... ש... נוא נוא ווייטער.

אנטיגנוס: יענע בריעפע ווערדען אבנר'ן פאן דער וועלט וועקשאפען.

חנוך: (זיפצט) ברוך דין אמת.

אנטיגנוס: אונד דאן איזט גאר קיין צווייפעל דאס איך בעקאמע דיינע פאסטען.

חנוך: אונ איך דיין טאכטער! אוי אבער ווען? טייערער ליעבער גאלדענער הערר ווען?

אנטיגנוס: צום טייפעל! זייא דאך ניכט זא אונגעדולדיג.

חנוך: (וויינענד) וואס בין איך שולדיג אז עס האט מיר צוזעטרעטען, איך האב שוין קיין כח ניט לענגער צו ווארטען, קומט אויף דער נאכט קען איך ניט שלאפען, קומט אין דער פריה קען איך ניט אויפשטעהען, קומט בייא טאג קען איך ניט עסען, קומט אויף דער נאכט קען איך זיעדער נישט שלאפען, קומט אין דער פריה קען איך וויעדער נישט אויפשטעהען, קומט בייא טאג...

אנטיגנוס: (אונגעדולדיג) גענוג.

חנוך: קֶען איך ווייטער נִיט עֶסֶען, קוּמְט אוֹיף דער נַאכְט קֶען איך ווייטער נִישְׁט שְׁלָאפֶען, קוּמְט אִין דֶער פְרִיה...

אנטיגנוס: נָאט אִים הִימֶעל איך וֶוערְדֶע פֶערְרִיקְט, הֶער אוֹיף.

חנוך: קֶען איך ווייטער נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֶעהֶען, קוּמְט בַּייא טָאג...

אנטיגנוס: אָה וָועה! (פערשטאפט זיך דיא אָהרען לויפט אב)

חנוך: קֶען איך ווייטער נִיט עֶסֶען, קוּמְט אוֹיף דֶער נַאכְט... (I. Ritt.) וָואהִין אִיזְט עֶר הִינְגֶעקוּמֶען?... נוּא דוּא וֶועסְט מַיינֶע פְּטוּר נִישְׁט וֶוערֶען, אִיךְ וֶועל דִיךְ אַזוֹי לַאנְג נִידֶען בִּיז אִיךְ וֶועל פוּן דִיר אַרוֹיס נִידֶען מַיין גֶעלִיעבְּטֶע שְׁלוֹמִית, קוּים אָבֶער נִישְׁט, קוּים בֶּעקוּם אִיךְ נִישְׁט אַבְנֶר'ס טָאכְטֶער, בֶּעקוּמְסְט דוּא נִישְׁט אַבְנֶר'ס שְׁטֶעלֶע, חֲנוֹךְ ווייסְט וָואס עֶר הָאט צוּ טְהוּן, חֲנוֹךְ קֶען פֶעלְשֶׁען בְּרִיעף, חֲנוֹךְ קֶען אָבֶער אוֹיךְ זָאגֶען דֶעם אֱמֶת, וֶועסְט דוּא נִישְׁט הַאלְטֶען דַיין וָוארְט וֶועל אִיךְ נִישְׁט הַאלְטֶען מַיין מוֹיל, אִיךְ זָאג אוֹיס פוּן חֵדֶר. (II. Ritt.)

I.

חֲנוֹךְ ווייסְט אוּנ קֶען אַלְדִינְג
פֶערְשְׁטֶעהְט אַ יֶעדֶען אוֹיף דֶעם ווינְק
מִיט דֶעם הֶענְטֶעלֶע לַייכְט אוּנ גְרִינְג
אוּנ מִיט דֶעם פִיסֶעלֶע שְׁנֶעל אוּנ פְלִינְק
דַארְף אִיךְ שְׁרַייבּ אִיךְ מִיט מַיין פֶעדֶער רִיטְשׁוּ
פָּאטְשִׁי, טִיטְשִׁי, טַאטְשִׁי, שְׁרָאם, בָּאם, בָּאם
דַארְף אִיךְ זָאג אִיךְ אוֹיס פוּן חֵדֶר אַז רִיטְשׁוּ
פָּאטְשִׁי, טִיטְשִׁי, טַאטְשִׁי, שְׁרָאם, בָּאם, בָּאם.

II.

אַ כַּלָה גֶעפִינֶען אוֹי הָאבּ אִיךְ
אַזוֹי בֶּערִיהְמְט זִיךְ אֵיינֶער פַאר מִיר
אַ פָּנִים הָאט זִיא אַזוֹי וויא אַ רוּחַ
אָבֶער גֶעלְד בֶּעקוּם אִיךְ אַ סַךְ פוּן אִיהְר
בֶּעקוּמֶען הָאט עֶר דָאס ווייסְט נִיט אַ יֶעדֶער רִיטְשׁוּ
פָּאטְשִׁי, טִיטְשִׁי, טַאטְשִׁי, שְׁרָאם, בָּאם, בָּאם
זָאל אִיךְ אוֹיסְזָאגֶען פוּן דֶעם חֵדֶר אַז רִיטְשׁוּ
פָּאטְשִׁי, טִיטְשִׁי, טַאטְשִׁי, שְׁרָאם, בָּאם, בָּאם.

III.

אַיינֶער קוּמְט צוּ זַיין פְרַיינְד אִין שְׁטוּב
אוּנ טְרֶעפְט זַיין פְרוֹיא גַאנְץ אֵיינֶע אַלַיין
עֶר זָאגְט אִיהְר עֶר הָאט זִיא לִיעב
דְרוֹיף קוּמְט אָן דֶער מַאן צוּ גֶעהְן
אוֹי הָאט עֶר גֶעהַאפְּט כְּסֵדֶר רִיטְשׁוּ
פָּאטְשִׁי, טִיטְשִׁי, טַאטְשִׁי, שְׁרָאם, בָּאם, בָּאם
אַ יוּנְגֶעלֶע זָאגְט נִיט אוֹיס פוּן חֵדֶר אַז רִיטְשׁוּ
פָּאטְשִׁי, טִיטְשִׁי, טַאטְשִׁי, שְׁרָאם, בָּאם, בָּאם.

IV.

איין אַלְטֶער מַאן הָאט חַתוּנָה גֶאר
מִיט אַ מֵיידֶעלֶע יוּנְג אוּנ שֶׁען
נָאךְ דֶער חֲתוּנָה קוּים אַ יָאהְר
קְלָאגְט דֶער אַלְטֶער מִיט גֶעוויין
פוּן מַיין גֶעלְד בִּין אִיךְ גְרִינְג ווִיא אַ פֶעדֶער רִיטְשׁוּ
פָּאטְשִׁי, טִיטְשִׁי, טַאטְשִׁי, שְׁרָאם, בָּאם, בָּאם
אוּנ מַיין ווַייב הָאט מִיר אוֹיסְגֶעזָאגְט פוּנ'ם חֵדֶר אַז רִיטְשׁוּ
פָּאטְשִׁי, טִיטְשִׁי, טַאטְשִׁי, שְׁרָאם, בָּאם, בָּאם.

(טאנץ, אב)

פערוואנדלונג

(איין פרייער פלאטץ דעקארירט מיט פאהנען אונד בלומען, אים הינטער־גרונד וואססער, לינקס איין טראָן, אויפטריט כאלראטען, תלמי, פאזישען).

תלמי: זייא ווילקאמען גראסער זיעגער
זייא ווילקאמען גראסער קריעגער
עמפפאנגט מיט עהרע דעם גראסען העלד } (קאָהר ביס)
בעריהמט איזט ער יעטצט אויף דער גאנצער וועלט
דיינע פריינד דיינע פריינד
טאדט אונד פערדערבען אלע דיינע פיינד (טאנץ)

(חנוך אונד טענצער זינגען אונד טאנצען, אויפטריט **אבנר** פון קוליססען)

אבנר: זיעהע היימאט זייא מיר ווילקאמען
אויף דיינע מויערען בין איך ווידער צוריק
זייא געגריסט טהייער פאטערלאנד
דיינען באדען בעטרעט איך באלד באלד ווידער צוריק.

(ערשיינט אויף איין דעקארירטעס שיף כהנים לווים).

קאהר: עס לעבע דער העלד זייא ווילקאמען
ווילקאמען זייא מיט גליק
הייל דיר גראסער העלשער אונד גראסער זיעגער
זייא ווילקאמען אין דיינער היימאט צוריק
וויוואט גראסער העלד הייל הייל.

אבנר: (קניעט פאר קעניג לעגט פאר איהם דיא לארבערקרענצע) מיין העדר אונד קעניג דיעזע לארבער קראנע דיא שעהנסטע ציערדע איינעם קריעגערס, נאכדעם זיא קוים מיינען קאפף בעריהרט האט, לעגע איך מיט עהרפורכט ווידער צו פיססען דיר, דעם זיא אליין געהערט, דיין נור דיא נאמען גאט, קעניג אונד פאטערלאנד האבען שטענדיג פאר מיינע אויגען געשוועבט אונד מיך געפיהרט צום זיעג, נור דיעזע יונגלינגע מיין קעניג (זייא טרעטען פאר אונד קניען) אלע פירסטען קינדער

פאן אונזערע פערשיעדענע פיינדע וועלכע האבען געגען מיך וויא העלדען געקעמפפט אונד וועלכע איך האב ענדליך דאך בעזיעגט אונד געפאנגען מיטגעבראכט, דיעזע עמפפעהלע איך דיינער גנאדע מיין גוטער קעניג, דען איך האבע זיא אויף דעם שלאכטפעלד אלס בראווע קינדער קעננען געלערנט.

קעניג: מיין טאפפערער אונד טרייער אבנר, וואס איך פאן דיר ערווארטעט האבע ווען איך האבע דיך צום פיהרער פאן אונזערע טרופפען בעשטימט, דאס האסט דוא ערפילט, דארום זאל דיעזע לארבער קראהנע וועלכע דוא האסט עהרליך פערדיענט נור דען קאפף דעם טרייען העלדען ציערען, (וועטצט זיא אויף אבנר'ס קאפף) דאך בלאס מיט דיעזעם צייכען דער עהרע האט זיך מיינע דאנקבארקייט צו דיר נאך ניכט געענדיגט, צופיעל בלוט האסט דוא פיר דיין פאטערלאנד פערגאסען, אבער דער קריעג איזט שאן יעטצט צו ענדע, יעטצט בעדארף איך שאן ניכט מעהר דיינען שטארקען ארם! ניין! דיינען קלוגען ראטה וועלכער זאל אונז אים פריעדען בעשיטצען, דען בעדארף איך יעטצט, זא זייא פאן דיעזעם אויגענבליק אן מיין ערשטער ראטהגעבער.

אלע: האך!

כעניג: אונד נון דיעזע יונגלינגע וועלכע האבען דיין סימפאטיע געוואנען אונד האסט זיא מיינער גנאדע עמפפאהלען, דיא שענקע איך דיר אלס אייגענטהום, איהר שיקזאל קען איך קיינע בעסערע הענדע אנפערטרויען אלס אין דיא דיינע, יעטצט אבער מיין בראווער אבנר איזט עס ענדליך צייט אויך אן דיין הייזליכעס גליק צו דענקען, זיעהע דיינע גאטטין אונד טאכטער ווארטען דיך צו בעגריסען.

(איזבל, שלומית קומען עטוואס פריהער)

שלומית: (אויף זיין האלז פאלענד) פאטער! מיין הערצענס געליעבטער פאטער! וויא געזעהנט האב איך מיך נאך דיעזען זיעסען אויגענבליק.

אבנר: טייערעס קינד... געליעבטעס ווייב, ערשט יעטצט ווייס איך מיין גליק צו שעטצען דא איהר עס מיט מיר טהיילט, שלומית הערצענס קינד! אין וועלכער שעהנהייט ביזט דוא אין דיא פאאר יאהרע אויפגעבליהט! וואכענד אונד טריימענד האב איך ניכט אויפ-

געהערט פאן דיר צו פאנטאזירען אונד יעטצט זעה איך דיך אין דער ווירקליכקייט פאר מיר שטעהען, איינע שענע ליעבליכע בלומע מיט טרייער זעעלע דאנקע איך דיר איזעבל פיר דיינע זארגען וועגען אונזער קינד, דאך איזעבל וועלכער קומער שפריכט פערבארגען אויס דיינעם טרויעריגען בליק? ביזט דוא קראנק? אדער האט איין אונגליק אין אונזערעם הויזע פאסירט?

איזבל: מיך דריקט קיינע קראנקהייט, אויך אין אונזערעם הויזע האט קיין אונגליק פאסירט.

אבנר: דאך!

איזבל: זייא גאנץ רוהיג, לאס דיך נור ניכט שטערען.

אבנר: (אפארט) שיינט עס מיר נור? נון מיינע ליעבען, בעפאר איהר פיהרט מיך אין אונזערעם הויזע צוריק לאסט מיך נור נאך איינע זאכע בעזארגען, (צו דיא יונגלינגע) קינדער! אלס קריעגעס געפאנגענע האב איך אייך אויס ווייטע לענדער היערהער געבראכט, דער גוטער קעניג האט אייך מיר צום געשענק געמאכט, זא בין איך אייער געביעטער אונד אייגענטהימער, נון האבע איך איין רעכט צו טהון מיט אייך וואס איך וויל, זא הערט וועלכען געברויך איך מאכע יעטצט פאן מיינעם רעכט, איך ערקלערע אייך אלע פרייא!

אלע: (קניען אויסער תלמי) עדלער אבנר!

אבנר: געהט אייך יעדער נאך זיינע היימאט צוריק, אונד זא וויא איהר האבט ביז יעטצט געגען אונז געקעמפפט אלס פיינדע זא זאלט איהר פאן נון אן פיר אונז קעמפפען אלס פריינדע.

אלע: וויר שווערען! (שטעהען אויף)

אבנר: (צו תלמי) תלמי דוא דאנקסט מיר ניכט זא וויא דיינע קאמעראדען? איך האב אייך אלע דיא פרייהייט געשענקט, ביזט דוא דען מיט דיעזעם אונצופריעדען?

תלמי: פיר דיין עדלעס הערץ גענעראל בלייב איך דיר עוויג דאנקבאר, דאך איך מוס עס בעקענען, זייט וויר האבען אונז אויף דעם שלאכט-פעלד בעגעגנעט אונד מיינע שארפע קלינגע האט שיער דיין הערץ דורכבאהרט אונד דוא האסט מיך דאך בעזיעגט אונד געפאנגען גענאמען, זייט דאמאלס האט דיין אנבליק מיט ליעבע אונד עהר-

פורכט מיין הערץ ערפילט אונד אלס קנעכט אין דיינעם הויזע ווערדע איך מיך גליקליכער שעטצען אלס פרייא אונד פאן דיר געשיעדען.

אבנר: גוט בלייבע אין מיינעם הויז, אבער ניכט אלס קנעכט זאנדערן אלס מיין זאהן, (תלמי קישט זיין האנד, שלוכצט שטיל) אויף דעם שלאכט-פעלד האב איך דיין העלדענמוטה אונד דען פאלען ווערט דיינער שענער זעעלע קעננען געלערנט. איך ליעבע זאלכע הערצען וויא דאס דיינינע, (פיהרט איהם צו איזבל) איזבל מיין געליעבטעס וייב, פאסט מיט אלען גוטען האט אונז גאט געזעגנעט אויסער (ויפצט) מיט איינעם זאהן, זיעהע הער, דיעזער עדלער יונגלינג גלויבע עס מיר ער איזט ווערט אונז דען פערלארענען זאהן צו ערזעטצען.

איזבל: נין! מיינען פערלארענען זאהן קאן מיר קיין פרעמדער ערזעטצען.

שלומית: (ביטענד) מוטער!

איזבל: לאס מיך טאכטער, העטעסט דוא געוואוסט וואס אין מיינעם הערצען פארגעהט.

שלומית: געליעבטער פאטער! זייא ניכט טרויריג, איך ווערדע מיך בעמיהען פיר דיעזען יונגלינג אויך דיא מוטער צו געווינען! תלמי וויינע ניכט, האט מיין פאטער דיך ווירדיג געפונדען דיר איין פאטער צו זיין, זא וויל איך אויך דיר איינע שוועסטער זיין. (תלמי קניעט קישט איהר האנד).

קעניג: (וועלכער האט ביז יעטצט שטיל געשפראכען מיט אנטיגנוס) גענוג איך וויל ניכטס מעהר דאפאן הערען, (שטעהט אויף) בעגריסעט אלע דעם טאפפערען אבנר אלס מיינען ערשטען מיניסטער!

אלע: הידד!

קעניג:
אויף מיין טאפפערער קריעגער אויף צום פעסט
איין פייערטאג איזט הייטע איהר זייט אלע מיינע געסט
צו עהרע פאן אונזערעם העלדען
רעטער פאן אונזער פאטערלאנד
מיין טרייער פריינד אונד ברודער
דוא ביזט אונד בלייבסט מיין רעכטע האנד.

קאהר: וויוואט וויוואט וויוואט!
בעגריעסעט מיט יובעל אונזער גראסען הערשער

שלומית: הייל דיר גראסער קריעגער
איך ביינגע מיך פאר דיינעם טראהנע
אונד מיין פאטער דוא גראסער זיעגער
האסט פערדיענט מיט רעכט דיא לארבער קראהנע.

קאהר: בעגריעסעט מיט יובעל אונזער גראסען הערשער

שלומית: הייל דיר גראסער הערשער א. ז. וו.

קאהר: בעגריעסעט מיט יובעל אונזער גראסען הערשער

שלומית: גאט אים הימעל האט איך ביידע
מיט גראסעם גליק צוזאמען געפיהרט
גליקליך איזט דאס פאטערלאנד
פון זאלכע מענער ווירד עם רעגיערט (קאהר ביס)
יא יא יא!

קאהר: האסט פערדיענט מיט רעכט דיא לארבער קראהנע

שלומית: יא יא יא יא האסט פערדיענט מיט רעכט דיא לארבער קראהנע

קאהר: בעגריעסעט מיט יובעל אונזער גראסען הערשער
בעגריעסעט מיט יובעל דעם קעניגס רעכטע האנד

אבנר: הייל דיר דוא גראסער העלד
איך ביינגע מיך פאר דיינעם טראהן
יא מיינע פפליכט האב איך ערפילט
יא דאס אליין איזט שאן מיין לאהן
יא טרייא בלייב איך מיינעם קעניג
ביז אין מיין לעטצטען אויגענבליק
גאר דיר אליין געהערט דער זיעג
יא גאר דער זיעג.

אבנר:
הייל דיר דוא גראסער העלד
איך ביינגע מיך פאר דיין טראהן
יא מיינע פפליכט
האב איך ערפילט

שלומית תלמי קאהר:
מיט גראסעם גליק
צוזאמען געפיהרט
אך גליקליך איזט דאס פאטערלאנד
פון זאלכע מענער ווירד רעגיערט

יא דאס קליין איזט שאן מיין לאהן
יא טרייא בלייב איך
מיינעם קעניג
ביז אין מיין לעטצטען אויגענבליק
נור דיר אליין
געהערט דער וועג.

אך גאט אין הימעל האט איך בייד
יא מיט גליק צוזאמען געפיהרט
בעגריסעט יעטצט מיט יובעל
נון בעגריסעט יעטצט מיט יובעל
נון בעגריסעט
הידד.

קעניג: נון אויף צום פעסט
איין פייערטאג איזט היטע
אלע מיינע געסט
איין פייערטאג זאל היטע זיין
דיעזער רעטער פאן דעם פאטערלאנד
בעגריסעט איהם דעם גראסען העלד
בעגריסעט אלע אונזער גראסען העלדען
דיעזען רעטער פאן דעם פאטערלאנד
נון אויף צום פעסט
איין פייערטאג זאל היטע זיין.

(דער גאנצער אסאמבעל זינגט ביז צו ענדע, פייער בעלייכטונג ביז שלוס [illegible]

(פ א ר ה א נ ג).

(ענדע דעם ערסטען אקטעס).

II. אַקְט

(צימער בייא אבנר, אויפֿטריט תלמי)

תלמי: מֵיינֶע הֵיימַאט מֵיינֶע הֵיימַאט אוּנְד מֵיין פַאטֶערְלַאנְד ⎫ (ביס)
גֶעבְּלִיעבֶּען מִיר בִּיזְט דוּא גַאנְץ אוּנְבֶּעקַאנְט ⎭
אַךְ! אֵיינְזַאם בִּין אִיךְ אוֹיף דֶער וֵייטֶער וֶועלְט
אֵיין פִינְדְלִינְג בִּין אִיךְ אוֹיף דֶעם פְרֵייעֶן פֶעלְד
פַאטֶער אוּנְד מוּטֶער הַאבֶּען מִיךְ פֶערְלַאסֶען
אַלְם קִינְד נִיע גֶעזֶועהֶען נִיע עֶרְפַאהְרֶען וֶוער אוּנְד וָוא זִיא זִינְד
מֵיינֶע הֵיימַאט מֵיינֶע הֵיימַאט אוּנְד פַאטֶערְלַאנְד
גֶעבְּלִיעבֶּען מִיר בִּיזְט דוּא גַאנְץ אוּנְבֶּעקַאנְט
דָאךְ זֵייט אִיךְ בִּין גֶעקָאמֶען הִיערְהֶער נֵיין נֵיין אֵיינְזַאם
פִיהְל אִיךְ מִיךְ נִיכְט מֶעהְר
דַאס הויז וָואהִין אִיךְ וֶוערְפֶע נוּר אֵיין בְּלִיק
אִיזְט מִיר זָא לִיעבּ זָא לִיעבּ זָא זִיעס
דִיעזֶעס הויז וָואהִין אִיךְ וֶוערְפֶע מֵיין בְּלִיק
גֶעפוּנְדֶען הַאבּ אִיךְ הִיער מֵיין גְלִיק.

(אויפֿטריט שלומית)

שלומית: (ערשראָקען) תַלְמַי, מֵיינֶען פַאטֶער הַאבּ אִיךְ פְרִיהֶער אִין דֵיינֶעבּ צִימֶער גֶעזֶועהֶען, וָוא אִיזְט עֶר יֶעטְצְט?

תלמי: עֶר הַאט קוֹים אַנְגֶעפַאנְגֶען מִיט מִיר צוּ רֶעדֶען דַא אִיזְט אֵיין בָּאטֶע נַאךְ אִיהְם גֶעקָאמֶען דַאס עֶר זָאל זָאפָארְט פָאר דֶעם קֶענִיג עֶרְשֵיינֶען. אַבֶּער וַוארוּם בִּיזְט דוּא דֶען זָא עֶרְשְׁרָאקֶען?

שלומית: וַוארוּם? אִיךְ וֵייס עֶס זֶעלְבֶּער נִיכְט אוּנְד דָאךְ צִיטֶערְט מֵיין הֶערְץ, דִיא לִיעבֶּע אוּנְד דַאנְקְבַּארְקֵייט דֶעם קֶענִיגְס צוּ מֵיין פַאטֶער, דִיא גְרָאסֶע עֶהְרֶע דִיא דַאס פָאלְק אִיהְם גֶעסְטֶערְן צוּגֶעטְהֵיילְט הַאט, עֶרְפִילְטֶע שָאן מַאנְכֶע בְּרוּסְט מִיט הַאס אוּנְד נֵייד גֶעגֶען אִיהְם, אַךְ פַאטֶער! דוּא הַאסְט פֵיינְדֶע אַבֶּער דִיא זִינְד שְׁטִיל אִין גֶעהֵיים, ווירְכְט

דוא דען אויך זאלבע פיינדע בעזיעגען קענען? דיא וועלכער ביזט נור געוואהנט אויף איין אפענעם שלאכטפעלד געגען אפענע פיינדע צו קעמפפען?

תלמי: ליעגט דען געגען אבנר איינע קלאגע פאר?

שלומית: וויא איך האב געהערט האט דער קעניג צוזאממען גערופען דיא סנהדרין וועגען איהם.

תלמי: אבער דער אבנר וועלכער האט געמאכט איינע וועלט פאר זיך ציטערען, פאר וועהם דארף ער ציטערען?

שלומית: דוא פראגסט פאר וועהם? הערע מיר האט מאן אין מיינער קינדהייט ערצעהלט פאן איינעם גראסען העלדען וועלכער האט איינמאל איינען לינדען ווארם ערשלאגען, נאך דיעזער גראסער העלדענטהאט האט ער זיך אויף דעם גראז געלעגט אויסרוהען, דא איזט אונבעמערקט איינע קליינע העסליכע שמוטציגע שפינע געקאממען אונד מיט איהר גיפטיגען שטאך האט זיא דיעזען וועלט בעריהמטען העלדען געטעטעט... פאר וועהם פראגסט דוא מיין פאטער דארף ציטערען? פאר זא איינעם פיינד וועלכער טראגט קיינע וואפען אין דער האנד, זאנדערן גיפט אויף זיינער צונגע, זא וויא יענע שמוטציגע שפינע.

תלמי: האט אבנר דען זאלכע פיינדע?

שלומית: ליידער! אבער וואס מיך אם מייסטען שרעקט?

תלמי: וואס?

שלומית: מיינע מוטער.

תלמי: זיינע איינענע פרויא?

שלומית: זייט איינער צייט איזט זיא גאנץ אומגעוואנדעלט, מיין פאטערס ערגסטער פיינד איזט יעטצט איהר בעסטער פריינד, זיא רעדען אין געהיים, זינען אונד האנדלען, עס איזט געוויס קיין גוטעס, אונד הייטע אם פריהמארגען איזט זיא פארטגעגאנגען גאנץ אליין, איך האב נאכגעפארשט אונד צו מיינעם שרעקען האב איך ערפאהרען דאס זיא איזט וועק אין קעניגס פאלאטץ אונד ביז יעטצט איזט זיא נאך ניכט צוריק געקאממען... דוא זיהסט מיך שטוינענד אן, ניכט

וואָהר דאס איין זאָלכעס געהיימניס האָב איך דיר איינעם פרעמדען ענטדעקט?

תלמי: שלומית בין איך דיר איין פרעמדער?

שלומית: ניין ניין תלמי, דוא וייסט דאך דאס איך האבע דיר מיין הערץ געעפענט גראדע וויא פאר איינעם ברודער.

תלמי: אונד אלס זאָלכען ווירסט דוא מיך אויך קענען דיר איין ברודער אונד דיינעם פאטער איין טרייער זאָהן, אייער שיקזאל זאָל אויך דאס מיינינע זיין. (I. Ritt.)

שלומית: ערשט פאר קורצען האסט דוא געגען אונזער לאנד געקעמפפט אלס איין שקלאווע האט דיך מיין פאטער היערהער געבראכט אונד דאך איך קען עס ניכט פערבערגען, מיר זאָגט דאס הארץ דאס וויר ביידע זינד דיא איינציגע זעעלען וועלכע הענגען אן אבנר'ן טריא אונד פעסט, זאָגע תלמי ווען מיין פאטער זאָל בעהיטע גאָט פאן איין אונגליק געטראָפען ווערדען ווילסט דוא מיט מיר צוזאמען אלעס פיר איהם טהון, יעדעס אונגליק מיט איהם טראָגען?

תלמי: (קניענד מיט בעגייסטערונג) הערע מיינען היילינגען שוואהר, ניכט נור דולדען וויל איך מיט אבנר יעדעס אונגליק, איך וויל נאך מעהר, איך וויל איהם רעטטען, איך וויל פיר איהם שטערבען. (II. Ritt. Nr. 7 Duett)

ביידע:
פעראיינט בלייבען וויר
איין טריע שוועסטער בלייב איך דיר
וויר טהיילען לייד — וויר טהיילען פרייד
מיט אונזערעם פאטער יא אונזער לעבען לאנג
נון האָפען וויר צום ליעבען גאָט
יא אונזער שוטץ איזט ער אין דער גרעסטער נאָטה. (בּיס)

תלמי:
הערע גאָט מיינעם שוואהר אין דיעזער שטונדע
הערע גאָט מיינעם שוואהר צו דיעזעם בונד
איין טרייער זאָהן מיין לעבען לאנג
דעם טרייען העלד נאר איהם אליין
טריא בלייב איך אבער מיין לעבען לאנג
איך שווערע עס צו זיין.

שלומית : פָאן מַיינֶען טִיעפְסְטֶען הֶערְצֶען נֶעהְם דַאפִיר אֵיינֶען דַאנְק
דַיינֶע טְרֵייֶע שְׁוֶועסְטֶער בְלֵייבּ אִיךְ מַיין גַאנְצֶעם לֶעבֶּען לַאנְג } (ביס)

בײדע : גָאט ווִירְד שִׁיטְצֶען אוּנְזֶער לִיעבֶּען פַאטֶער
זַיינֶע פֵיינְד בֶּעזִיעגֶען ווִירְד עֶר מִיט זֵיינֶע קְרַאפְט } (ביס)
נוּן הָאפֶען ווִיר צוּם לִיעבֶּען גָאט
זַא אוּנְזֶער שׁוּטְץ אִיזְט עֶר אִין דֶער גְרֶעסְטֶער נָאטְה
ווִיר אָפְּפֶערֶען דַאס לֶעבֶּען דַאס אַבְנֵר זָאל לֶעבֶּען
טְרֵייא בְּלֵייבֶּען דֶעם רֶעטֶער פָאן אוּנְזֶער לִיעבּ פַאטֶערְלַאנְד
צִיוֹן טְרֵייא ....

(ביידע אב)

פערוואנדלונג

(איין רייבער זאַאל, אויפטריט סנהדרין, קעניג לינקס אנטיגנוס רעכטס)

(II. Ritt. Nr. 8)

קעניג: הימלישער ריכטער העלפע העלפע מיר
עפנע אונז דיא אויגען דיא וואהרהייט צו זעהן
אמת אמת יא נור אמת זאל דער משפט זיין
אמת אמת נאר זאל אונזער משפט זיין. (קאהר ביס)

קאהר: אמן אמן אמן.

קעניג: פיהרט פאר דען אנגעקלאגטען. (דיענער אב)

(אויפטריט אבנר פערבייגט זיך פאר קעניג אונד סנהדרין)

קעניג: אבנר אפטמאלס האסט דוא מיר דיינען וואונש אויפגעדעקט דאס ווען יעמאנד זאל דיך איינמאל אין עטוואס בעשולדיגען זאל עס ניכט אין געהיים געשעהען זאנדערן אפען פאר דיא ריכטער אום דיא בעשולדיגונג צו פריפען אונד נאך געזעטץ צו ריכטען, ניעמאלס וואלטע איך גלויבען דאס זא איין טאג ווירד יעמאלס קאמען אבער לידער איזט דער טאג דאך ערשיענען, אבנר איינעם פורכטבארען פערברעכענס ווירסט דוא אנגעקלאגט דארום האב איך דיא סנהדרין צוזאמען גערופען דאמיט דוא זאלסט דיא קלאגע הערען אונד דיינע אונשולד בעווייזען, אדער... דיינע שולד בעקענען.

אבנר: קלאגע... שולד... גאט איזט מיין צייגע דאס דיעזע פרעמדע ווארטע הערע איך יעטצט צום ערסטען מאל אין מיינעם לעבען.

קעניג: אויך מיינע ברוסט וואר מיט שרעקען אונד וועהמוט ערפילט, געסטערן נאך האבען וויר דיך יובעלנד בעגריסט אלס דעם פאטער-לאנדס רעטער אונד שאן הייטע וואגט מאן דיך צו בעשולדיגען אלס פעררעטער.

אבנר: (ערשראקען) פעררעטער?

קעניג: ביסט דוא עס ניכט אבנר זא ווירד דיינע עהרע אוים דעם פייער

דיזער פריפונג נאך דיינער אונד שטראהלענדער זיך ערהעבען אונד דו ווירסט ביא מיר אונד דעם גאנצען לאנדע נאך העהער שטעהען אלס יעטצט, דארום מיין אבנר פירכטע ניכטס.

אבנר: דאנקבאר פערעהרע איך דיא גנאדע מיינעס קעניגס, אבנר וועלכער האט ניכט געפירכטעט דיא אונצעהליגע טרופען פאן פערשיעדענע פיינדע דער פירכטעט אויך קיינע פערליימדונג.

קעניג: זא זאל דאס געריכט בעגינען, דער קלעגער זאל שפרעכען.

אנטיגנוס: (ערהעבט זיך) איך דער הויפטמאן אנטיגנוס קלאגע דען גענעראל אבנר אן אין פאלשהייט אונד האכפערראטה געגען קעניג אונד פאטערלאנד, מיט דיא היידנישע פעלקער דרויסען האט ער איינען געהיימען בונד געשלאסען אום זיך זעלבער דארט איינען טראהן צו גרינדען, אום דאן אן דער שפיטצע דער ווילדען היידען אונזער היילינ לאנד פלעטצליך צו איבערפאלען אונד אום דעם קעניגס האנד דען סטצעפטער צו ענטרייסען.

קעניג: האסט דו געהערט אבנר?

אבנר: יא מיין קעניג, איך האב געהערט דאך נאר ווארטע איינע לעערע קלאגע, האסט דו צו דיינער אונפערשעמטען פערליימדונג אויך בעווייזע אויסגעדאכט?

אנטיגנוס: (רייכט איינע ראללע בריעף אבנר) קענסט דו דיזע בריעפע?

אבנר: (נימט זיא, בליקט) געוויס, עס זינד מיינע בריעפע וועלכע איך האב אן מיינע פרויא געשריעבען, אבער וויא קאמען דען דיזע בריעפע צו דיר? אונד וואס ווילסט דו דאמיט בעווייזען?

אנטיגנוס: וועריע דאס מעגליך דאס דו האסט שאן פערגעסען דען איינהאלט דער בריעפע? ביטע נאכמאלס דורך צו לעזען וואס דו זעלבסט געשריעבען האסט אונד דאן זייגע ווען דו קאנסט. (אבנר לעזענד ציטערט אונד וואנקט) בליקט אויף זיין געזיכט, זעהט זיין שרעקען, לעזט איהר יעטצט ניכט אויף זיינער שטירנע דאס בעקענטניס זיינער שולד?

אבנר: איזט עס איין בלענדווערק אויפגעשטיגען אויס דעם אבגרונד? וואס איך היער ערבליקע אונד לעזע, דיא האנדשריפט ערקענע איך

אלס דיא מיינע, אבער וואס היער געשריעבען שטעהט האבע איך ניע געוואגט זאגאר צו דענקען נאך פיעל וועניגער צו שרייבען, געעהרטע ריכטער, איהר אלע וויסעט דאס דיעזער אונמענש מיך שאן זייט יאהרען בענייטעט אונד זוכט אימער מיך צו פאנגען אין איין נעטץ פאן פערליימדונג, קאן נאך יעמאנד צווייפלען דאס דיעזע בריעפע זינד דורך איינען פערברעכערישען פלאן אין זיינע הענדע געקאממען אונד ער האט זיא פערפעלשט?

אנטיגנוס: פערפעלשט! (ווינקט צום פאזע העראב) באלד ערשיינט נאך איין קלעגער געגען דיך, זא איין קלעגער וועלכען ניכט דער קעניג, ניכט דיא סנהדרין, ניכט דו זעלבסט ווירד פערווערפען קענען.

(אויפטריט איזבל)

אבנר: מיינע פרויא!

אנטיגנוס: זיעהע, הערע, אונד פערשטומע.

קעניג: איזבל דו היער, וואס איזט דיין פערלאנגען?

איזבל: איך ערשיינע פאר דעם טראהן מיינעם קעניגס אהנע פורכט פאר מענשען אורטהייל, אום צו פערקינדען דיא וואהרהייט.

אבנר: דיא וואהרהייט? דאנק פיר דיעזעם ווארט געליעבטע פרויא, וואהרהייט נור זאל אויס דיינעם מונדע קאממען, אונד דיא ווירד פיר מיך צייגען, זיעהע איזבל יענער דארט וויא דו וויסט איזט שאן זייט לאנגע מיין ביטטערסטער פיינד אונד האט דיעזע בריעפע פארגעצייגט, אבער ניכט פינדען ווירסט דו דארין דיא אונשולדיגע באטען פאן מיינער ליעבע צו דיר, דיעזע בריעפע שפרעכען פאן פערראטה אונד בעטרוג געגען קעניג אונד פאטערלאנד, נון זאגע עס פאר דעם קעניג אונד דיא סנהדרין האבע איך דיעזע בריעפע זא וויא זיא זינד אן דיך געשריעבען?

איזבל: (מיט וויטהענדע בליקען) יא! (אלע ערשראקען) אונפערפעלשט זינד דיעזע בריעפע, זא וויא זיא יעצט לויטען זא האסט דו זיא מיר געשיקט.

אנטיגנוס: הערט איהר דאס געעהרטע ריכטער?

אבנר: וועה! ענטווייהע ניכט דיינע צונגע מיט זא איינעם פירכטערליכען [illegible]; יעדער פעדערצוג אין דיעזעם בריעפע אטהמעט ווילדען

עהרגייץ, גרויזאמעין אונדאנק, האכפערראטה, עמפעהרונג! האט יעמאלס מיין צינגע זא וואס אויסגעשפראכען? קענטע יעמאלס מיינע האנד זא וואס ניעדערשרייבען? זאג איזבל, איך בעשווערע דיך ביי דער טרייע וועלכע דוא האסט מיר איינסט פאר גאט געשוואהרען! רעדע וואהרהייט.

איזבל: וואס איך האבע געזאגט ווידערורופע איך ניכט! האכפערראטה, עמפעהרונג, אונדאנק האבע איך אוים דיינע בריעפע געלעזען!

אבנר: ניין ניכט מעגליך, טיעפעם דונקעל העלט מיינע זינע געפאנגען, ביזט דוא עס איזבל וועלכע איך הערע וועלכע איך זעהע? אדער ביזט דוא איין טייפעל אוים דער אונטערוועלט וועלכער האט נור אנגענאמען דיא געשטאלט מיינער פרויא... ווייב! ניכט בלאס מיין טאדטעס אורטהייל העננט אב פאן דיינער צונגע, אויך דוא שטעהסט יעטצט אן דעם שיידע וועג צווישען העלע אונד הימעל! אין דיעזער מינוטע קאנסט דוא דיר דורך איין איינציגעס וואָרט ערקויפען רעטונג אדער עוויגע פערדאמניס, דארום איזבל ביי דיינער זעלע! רעדע וואהרהייט!

איזבל: וואהרהייט האסט דוא געהערט, אין דעם פערברעכען אין וועלכעם דוא ביזט אנגעקלאגט, אין דעם ביזט דוא אויך שולדיג.

אבנר: ערדע שלינג מיך הערונטער, לעזט אייך אויף אין שטויב איהר פעסטע ווילען אונד פערוועהעט איןווילדען שטורם, דען וואס נאך איזט פעסט, וואס נאך איזט זיכער ווען איינע פרויא פערוואנדעלט נאך 21 יאהרע איהרע טרייע אין פאלשהייט, וואהרהייט אין ליעגע אונד ליעבע אין האס? טרעטע הערוים אוים דיינע פוגען נאטור! דען אוננאטירליך האט דיעזעס ווייב צערשטערט דיא עהרע אונד דאס לעבען פאן איהר אייגענען מאן, פערניכטעט דאס גליק פאן איהר אייגען הויז! (וויינט) גרויזאמעס ווייב, שלאנגע, וואס האט דיר דיין מאן געטהאן, וואס האט דיך צו דיעזע אונערהערטע ליעגע געטריעבען? אנטווארטע, ווארום שווייגסט דוא?

איזבל: (אפארט) בלוטיגע שאטען מיינעס קינדעס שטערקע מיינען מוטה!

קעניג: איזבל איך זעה דיך ציטערען, ביי דעם עוויגען גאט רעדע נור

וואהרהייט, האט זיך דיין מאן מיט עטוואס געגען דיר פערזינדיגט?
איזט דיין ציינגניס געגען איהם ניכט איין ראכע פלאן?

איזבל: ניכטס האט מיר מיין מאן געטהאן דאס איך העטע אורזאכע איהם צו צירנען. (I. Ritt.)

קעניג: אונד דיזע בריעפע וויא זא קאמען זיא אין פרעמדער האנד?

איזבל: וויל איך אליין האטע אנפאנגם ניכט דען מוטה געהאט אלס קלעגערין געגען איינעגען מאן אויף צו טרעטען.

קעניג: איזבל! צום לעצטען מאל פראג איך דיך האסט דוא וואהרהייט געשפראכען?

איזבל: וואהרהייט!

קעניג: ביא גאט! (II. Ritt. Melodrama)

איזבל: ביא.... גאט....

קעניג: פיהרט זיא וועק. (וואנקט זיא ווירד אבגעפיהרט)

אבנר: (געפאסט) קעניג, ריכטער! שפריכט אום דאס אורטהייל! פערדאמט מיך אויף דאס צייגניס מיינער איינעגען פרויא, וועלכע האט איין בונד געשלאסען מיט דיזעם שורקען, דא גיבט מיר דען טאדט אב איהר פערשטעהט איך פערדיענע איהם, איך פערבלייבע דער וואס איך בין אימער געוועזען ביז צום לעטצטען אויגענבליק. (אב)

קעניג: נון סנהדרין איהר האבט געהערט אונד געזעהען, פריפעט אלעס גאנץ גענויא אונד בעפאר איהר אייער אורטהייל עפענטליך פער־קינדעט שיקט עס מיר. וואס מיר אלס העהערער צו טהון געביהרט דאס ווירד גאט מיר איגם הערץ לעגען. (אלע אב אויסער קעניג)

גראסער גאט! געבע דען סנהדרין איינען ריינען געדאנקען דאס זיא אורטהיילען זאלען נאך רעכט!

(אויפטריט פאושע מיט איין פאפיער)

פאושע: מיין העררר אונד קעניג!

קעניג: ברינגסט דוא דאס אורטהייל?

פאושע: יא מיין קעניג.

קעניג: זיין איגהאלט?

פאושע: טאדט!

קעניג: טאדט? (שלוכצענד) טאדט!

פאזשע: ערפילט האבען דיא סנהדרין איהר היילינעם אמט אונד לעגען יעטצט דיעזעם אורטהייל אין דיינע הענדע קעניג צור פאלציהונג.

(גיבט עס איהם, לערם, טראמפעטען שאלל).

קעניג: וואס בעדייטעט דיעזער לערם דרויסען?

(אויפטריט אנטיגנוס)

אנטיגנוס: אה מיין הערר אונד קעניג, דיא נאכריכט דאס אבנר איזט צום טאדט פערארטהיילט האט זיך וויא איין שטורם איבער דיא גאנצע שטאדט פערברייטעט, אין הויפען האט זיך דיא ארמעע צוזאממען מיט דעם פאלק פערזאממעלט פאר דיינעם פאלאסט אונד פערלאנגען צוריק דען גענעראל אבנר.

קעניג: וואס איין אויפשטאנד?

אנטיגנוס: יא מיין קעניג איין אויפשטאנד פאן אונזערע איינענע סאלדאטען פאן דיא יעניגע נאטירליך וועלכע זינד מיט אבנר'ן איינפערשטאנדען אין זיינע פלענע, דיא וואלען שאן יעטצט פאלציהען דאס וואס אבנר האט געגען דיך בעשלאסען, נעמליך דיר דען קעניגליכען טראהן צו ענטרייסען אונד זיך זעלבסט דארויף צו זעטצען, אבער פירכטע ניכט מיין ערהאבענער קעניג! פירכטע ניכט נאך האסט דוא מיך פיר איינע שטיטצע מיך דיא איינציגע טרייע זעעלע.

קעניג: אונד וואס איזט יעטצט דיין ראטה, מיין איינציגע טרייע זעעלע?

אנטיגנוס: אום דען אויפשטאנד שנעל צו אונטערדריקען גיעבט עס נור איין מיטעל, אין דיינע הענדע רוהעט יעטצט דאס טאדעס אורטהייל, לאס עס אין דיעזען אויגענבליק שאן פאלציהען, דיא רעבעלען דא אונטען שרייען גיעב אונז צוריק אונזער אבנר, גוט, גיעב זייא צוריק אבנר'ן, אבער ניכט דען גאנצען אבנר'ן נאר זיינען קאפף.

קעניג: (צום פאזשע) שנעל געה הינאוים צו דער עמפעהרטען מענגע דיא רעדעלספיהרער פאן דיא רעבעלען זאלען זא פארט פאר מיר ערשיינען, דער קעניג וויגשט מיט איהנען צו שפרעכען. (פאזשע אב)

אנטיגנוס: אבער מיין ערהאבענער קעניג, אבנר'ס אנהענגער אין דיין פאלאסט? דיין טהייער לעבען אין זאלכער געפאהר?

קעניג: בלוטדירסטיגער ראטהגעבער, שווייגע!!! דיין קלעגער ביזט דוא געוועזען.

צום טאדט איזט ער יעטצט פעראורטהיילט. וואס נאך ווילסט דו?
ווארום ציטערסט דו זא ווען אבנר נאך איינען טאג לעבט?

אנטיגנוס: מיין ערהאבענער קעניג, איך ציטערע נור פיר דיין לעבען!
פיר דיין טהייער לעבען!

קעניג: ציטערע ניכט מיינע איינציגע טרייע זעעלע, ציטערע ניכט, גענוג,
וואס איך צו טהון האבע ווייס איך זעלבסט, איך ברויך דיינען
ראטה ניכט.

(אויפטריט פאלק, סאלדאטען מיט פיקעס זעבעל, פרץ)

קעניג: זייט איהר דיא רעדעלספיהרער פאן דער עמפערטען מענגע?
זאגט וואס ווילט איהר?

פרץ: מיר ווילען שיטצען דעם מאן וועלכער איז ביז יעטצט אויך דיין
שוטץ געוועזען, אבנר גיב אונז צוריק אונזער אבנר. (אלע שרייען קלאפען אבנר)

קעניג: זעהט! היער איזט זיין אורטהייל, עס איזט זיין טאדעס אורטהייל
אונד דאס זעלבע אורטהייל ווירד אויך טרעפען יעדען פאן מיינע
אונטערטהאנען וועלכער ווירד זיינע פפליכט פערגעסען.

פרץ: אבער אבנר האט זיינע פפליכט פערגעסען? נאך מעהר וויא זיינע
פפליכט וואר האט ער געטהון, א וועלט א גאנצע וועלט האט ער
בעזיעגט אונד זיא דיר צו דיינע פיס געלעגט. אונד זא איין מאן זאל
פאלען פאן דעם הענקערס האנד? אזוי בעלאהנסט דו דיינע העלדען?

קעניג: דאס איזט דער לאהן פיר זיין שווערעס פערברעכען, ער איזט
איין פעררעטהער.

פרץ: אבנר איין פעררעטהער? (אויף אנטיגנוס) איז ער דער ביזער מענש?
קעניג, קעניג! נעם אונז אלע דיינע סאלדאטען וועלכע זענען מיט איהם
צוזאמען אין פערשיעדענע שלאכטען געוועזען, לאז אונז אלע מארטערן,
ריים פאן אונז דיא גליעדער איינציגווייז, און זעה אויב עס וועט זיך
געפינען איין איינציגער פאן אונז וועלכער זאל דעם עהרליכען אונד
גוטען אבנר בעשולדיגען אלס איין פעררעטהער.

קעניג: סאלדאטען! בירגער! אנטווארטעט, קענט איהר מיך איער קעניג
אלס איין טיראן?

פרץ: ניין!

אלע: ניין ניין!

קעניג: האט יעמאנד פאן אייך איין פערדאכט אויף איינען פאן אונזערע סנהדרין דאס ער האט פיר געלד פערקויפט געוויסען וואהרהייט אונד רעכט?

פרין: ניין!

אלע: ניין ניין!

קעניג: אונד דיעזע גערעכטע מענער האבען אויך גלייך געליעבט מיט מיר אבנר'ן וויא דאס אייגענע לעבען, דאך געזעטץ בלייבט געזעטץ, זיינע שולד איזט בעוויעזען אונד מאן מוסטע איהם צום טאדטע פערארטהיילען, איהר אבער גלויבט איהר דען מיך דאמיט צו שרעקען דאס איהר האט מיינען פאלאסט בעלאגערט אין ווילדען אויפרוהר? זעהט איך האבע אייך צו מיר רופען לאסען, איהר זייט אלע בעוואפנעט, איך אבער בין אהנע וואפען, איהר קענט מיך טעטען, דאך איך ווייכע ניכט פאן דיעזער שטעלע, נון ענטשיידעט איהר זעלבסט, וואלט איהר אונזערע געזעטצע מיט פיססען טרעטען? וואלט איהר אייער קעניג טעטען?

פרין: ניין!

אלע: ניין ניין! (גרויסער געמורמעל)

פרין: שווייגט! (אלעס בלייבט שטיל) מיין קעניג, דוא ביזט גוט זאל איך האבען אזא מזל, דיא סנהדרין זענען גערעכט, זאל איך האבען אזא יאהר! אבער אויך אבנר איז גוט אונ פרום אזוי זאלען מיר זיין מיינע קינדער וואס איך וועל האבען נאך דער חתונה מיט מלכה, דיא סנהדרין זענען דאך נישט מעהר וויא מענשען אונ קענען זיך אויך אמאל טועה זיין, דאך איז ער שוין פערארטהיילט, דערפאר אבער ביזט דוא דאך איין גוטער הערשער, איין בארמהערציגער פאטער פיר דיא קינדער פון דיין לאנד, דאס וואס מיר האבען ערשט געפאדערט מיט מאכט דאס וואגען מיר יעטצט צו בעטען מיט געוויין. (צו אלע) ווארפט אלע אוועק אייערע וואפען, (עס געשיעהט) קניעט אלע ניעדער פאר אונזער ליעבען קעניג, (עס געשיעהט) גנאדע גוטער הערשער!

אלע: גנאדע גוטער הערשער, גנאדע פיר אבנר!

קעניג: וואס זעה איך? האבען מיינע גוטע ווארטע אייך וויעדער צור פפליכט צוריק געבראכט? שטעהט אויף! (עס געשיעהט) הערט וואס

אייער קעניג אויף אייער ביטע אנטוואָרטעט! טראַציגער איבערמוטה אונד דראָהונג העטע נור געפיהרט צום בלוט פערגיעסען אונד אבנר׳ס לעבען וועהרע דאַמיט ניכט געררעטעט, ווען איהר אבער מיך ביטעט יא אייער ביטע וויל איך גערנע ערפילען, (אַלע האָך) דאָך נור זיינע שטראַפע קאַן איך פערניכטען, אַבער ניכט זיינע שולד! דאַרום אַנשטאַט צו שטערבען ווייא ער פאָן דעם לאַנדע פערבאַנט פיר זיין לעבען לאַנג, דו אַנטיגנוס זיין קלעגער דו ברינג איהם דיעזע נאַכריכט אין זיין געפענגניס.

אנטיגנוס: איך? אָ קעניג!

קעניג: דו זאָלסט איהם פאָן זיין קערקער בעפרייען אונד ער געהע וואָהין ער וויל, זאָרגע נור דאַפיר דאַס ער מיך ניעמעהר זעהן קאַן.

אנטיגנוס: מיין ערהאַבענער קעניג! בעדענקע איינעם זאָלכען פערברעכער וויא אַבנר שענקסט דו דאַס לעבען? אויך אין דער פרעמד ווירד ער ניכט רוהען ביז...

קעניג: גענוג! קיין וואָרט ווייטער! צעררייסט! (צעררייסט דאָס אורטהייל) היער צעררייסען איזט דאַס טאָדטעס אורטהייל, אַבנר לעבט אונד איזט פרייא!

אלע: יחי המלך! הידד! (מען העבט אויף דעם קעניג מיט בעגייסטערונג אוף געשרייען, אייניגע ווערפען זיך אויף אנטיגנוס).

פֿאָרהאַנג.

(ענדע דעס צווייטען אַקטעס).

III. אַקְט

(פאר אבנרים הויז אינע שטראסע, אויפטריט חנוך מיט אין צימבעל)

(II. Ritt Nr. 10)

חנוך: דינג דאנג דינגע מיין הערץ איז בעטריעבט
דינג דאנג דינגע אוי איך בין פערליעבט
איך בין אומגליקליך, איך צערפאל אויף שטיקלעך
מיין לעבען האט ביי מיר קיין ווערטה
אוי אוי אוי איך בין מיט דעם קאפף אין דער ערד
שלומית׳ל... שלומית׳ל...
קום צו מיר ארויס, האפ מיך ניבער אוים אוי
וועסט דוא גליקליך זיין, ווען איך וועל זיין דיין מאן אוי
שלומית׳ל... שלומית׳ל...
פערליעבט איז אין דיר חנוך ושלומית׳ל!
נוא אדרבה וואס זשע ווילסט נאך
דיך וועלען אלע, מקנא זיין מיט מיר
און איך וועל אהן א שאלה, מיך מהנה זיין מיט דיר
אונזערע קינדערליך, אלע יאהר א פאר
זארגען וועל איך שוין דאפיר
הויך און דיק, שעהן און קלוג, וועלען אלע זיין
אלע געראטען אין מיר ושטינערורא טאווארא!
צימבאלע דזשים ודזשים! צימבאלע בים בים באם
שפיעל צימבאלע שפיעל אוי... צימבאלע בים באם
לכבוד... שלומית׳ל...

(אויפטריט אנטיגנוס)

אנטיגנוס: חנוך? שאן וויעדער ד׳ער? וואס ווילסטו דוא?

חנוך: אלץ דאס אייגענע אונד וויעדער דאס אייגענע, איך בין אומגליקליך, איך בין פערליעבט.

אנטיגנוס: חחחח! מיט איין צימבעל? געווים איין ליעבעס ליעד פארגעטראגען.

חנוך: איך ווייס? אז זיא וויל זיך נישט פערליעבען אין מיין פנים אפשר וועט זיא זיך פערליעבען אין מיין צימבעל.

אנטיגנוס: נו! יעטצט נאכדעם דאס דוא ביזט פערטיג, קאנסט דוא געהן.

חנוך: אז איך קען געהן דאס ווייס איך, אבער איך וויל נישט.

אנטיגנוס: וואס דוא ווילסט ניכט? וואס אייגענטליך טהוסט דוא דען היער?

חנוך: וואס איך טהו? וואס זאל איך טהון? איך ברען.

אנטיגנוס: וואס?

חנוך: איך סארפע.

אנטיגנוס: וואס?

חנוך: איך שטעה אויף געגליטע קוילען, אט אט וועה איך צעשמאלצען, (אנטיגנוס לאכט) דוא לאכסט?.. א וודאי דוא קענסט לאכען וואס דען? וואס פערשטעהסט דוא פאן ליעבע? נישט דוא האסט ליעב קיינעם נישט קיינער האט דיך ליעב.

אנטיגנוס: ווילסט דוא ענדליך געהן?

חנוך: וואס בייזערסט דוא דיך? דוא האסט נאך רעכט?

אנטיגנוס: ווילסט דוא געהן פרעג איך דיך?

חנוך: יא איך געה, אבער ווייסט דוא וואהין? גלייך צום קעניג, און איהם דערצעהלען דיא גאנצע חתונה מיט דיא בריעף.

אנטיגנוס: וואס האסט דוא געזאגט? (פאקט איהם)

חנוך: בייזער דיך נים וואריען דוא וועסט נאך ערגער מאכען.

אנטיגנוס: (אפארט) ביין גוט מוטהיג ווערדע איך אויף איהם מעהר ווירקען. חנוך שאן איינינע מאל האסט דוא מיר געדראהעט מיט דיא בריעפע. אבער בעדענקע זעלבסט וויא דום דוא ביזט מאן העטע אבנר'ן געווים ניכט פעראורטהיילט, העטע זיינע אייגענע פרויא ניכט בעשטעטיגט דאס זיא האט פאן איהם דיא בריעפע ערהאלטען זא וויא זיא זינד, אלזא זיא האט דיזע בריעפע ערקלערט פיר עכט אונד אונפערפעלשט. נון דענקסט דוא דען דאס מען ווירד דיר מעהר גלויבען שענקען אלס אבנר'ס פרויא?

חנוך : (אפארט) עֶר הָאט רֶעכְט, אזוי איז דָאס א הונְד מִיט צֵיין.

אנטיגנוס : נון וִיעֶהְסְט דוא שָׁאן וַואס פִיר אֵיין עֶזֶעל דוא בִּיזְט ?

חנוך : אֶמֶת אִיךְ בִּין דָאס דֶער דוּמֶער עֶזֶעל און דוא בִּיזְט דָאס דֶער בְּלוּטִיגֶער הוּנְד... נֵיין נֵיין עֶס רֶעדְט זִיךְ נור אזוֹי, נָאר זָאג מִיר אַז דוא בִּיזְט יָא דֶער חָכָם וִויא אִיז דַיין חָכְמָה ? וִויא אִיז אַבְנֵר׳ס שְׁטֶעלֶע פַאר דִיר ? וִויא אִיז אַבְנֵר׳ס טָאכְטֶער פַאר מִיר ? אַבְנֵר אִיז גֶעבְּלִיעבֶּען אַבְנֵר, און מִיר ? מִיר הָאבֶּען בֵּיידֶע בְּשׁוּתָּפוּת א גוּטֶע קְרֶע״ה.

אנטיגנוס : דוּמְקָאפְּף, אַבְנֵר׳ן הַאט מַאן נור בְּלָאז דַאס לֶעבֶּען גְעשֶׁענְקְט׳ אַבֶּער עֶר אִיזְט אויס דֶעם לַאנְדֶע פֶערְווִיעזֶען.

חנוך : אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער וֶועט עֶר צוּרִיק קוּמֶען זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטֶען מִיט זַיין ווייבּ, דַאמַאלְס וֶועט דֶער גַאנְצֶער שְׁווינְדֶעל אַרויס און דַאמַאלְס וֶועלֶען מִיר בֵּיידֶע בְּשׁוּתָּפוּת קוּמֶען צוּ קֶבֶר יִשְׂרָאֵל.

אנטיגנוס : נֵיין דַאפִיר בְּרויכְסְט דוא קֵיין אַנְגְס צוּ הַאבֶּען, אַבְנֵר אִיזְט זָא גוּט וִויא גֶעשְׁטָארְבֶּען, מִיר הַאט דֶער קֶענִיג דִיעזֶעס אַמְט אִיבֶּערְ-גֶעגֶעבֶּען אִיךְ זָאל אִיהְם אִיבֶּער דִיא גְרֶענְצֶע עֶקְסְפֶּעדִירֶען, אוּנְד מִיר נָאךְ דַאבֵּייא אויסְדְרִיקְלִיךְ גֶעזָאגְט זָארְגֶע דַאפִיר דַאס עֶר מִיךְ נִיע מֶעהְר זֶעהְן קַאן, וֵייסְט דוא וַואס דַאס הֵייסְט ?

חנוך : וָואס זָאל דָאס הֵייסֶען ? דֶער קֶענִיג וִויל נִישְׁט מֶעהְר זַיין פָּנִים אָנְקוּקֶען.

אנטיגנוס : נֵיין דוּמְקָאפְּף ! דַאס עֶר מִיךְ נִיכְט מֶעהְר זֶעהְן קַאן הֵייסְט עֶר זָאל אויף דֶעם קֶענִיג נִיט מֶעהְר קֶענֶען זֶעהְן.

חנוך : אִיךְ וֵויים נִישְׁט וָואס דָא אִיז דֶער אוּנְטֶערְשִׁיעד.

אנטיגנוס : בּוּכְשְׁטֶעבְּלִיךְ עֶרְפִילֶען וֶוערְדֶע אִיךְ דֶעם קֶענִיגְס בֶּעפֶעהְל !

חנוך : אויבּ אַזוֹי וֵויים אִיךְ טַאקִי נִישְׁט וָואס דוא מֵיינְסְט.

אנטיגנוס : בֶּעפָאר אִיךְ בֶּעפְרֵייעֶ אִיהְם פָאן גֶעפֶענְגְנִיס אוּם אִיהְם אויס דֶעם לַאנְדֶע וֶועק צוּ שִׁיקֶען וֶוערְדֶע אִיךְ אִיהְם אויף בֵּיידֶע אויגֶען בְּלִינְד מַאכֶען.

חנוך : בְּלִינְד ? בְּלִינְד הָאסְט דוא גֶעזָאגְט ? אַבְנֵר׳ן מַאכֶען בְּלִינְד ? הַאט דֶען דֶער קֶעניג דָאס גֶעמֵיינְט ?

אנטיגנוס : וַואס קִימֶערְט מִיךְ וַואס עֶר הַאט גֶעמֵיינְט ? אוּנְד זָארְגֶע דַאפִיר דַאס עֶר מִיךְ נִיע מֶעהְר זֶעהְן קַאן דַאס וַוארֶען זַיינֶע וָוארְטֶע, אוּנְד

נייעז איך האבע דעם קעניגס ווארטע בוכשטעבליך ערפילט זא בין איך געשיטצט פאן יעדער רעכענשאפט.

הנוך: (אפארט) אוי איז דאס א הונד מיט ציין.

אנטיגנוס: נון האב איך רעכט? פערבאנט אונד דאצו נאך בלינד, איזט ער זא גוט וויא געשטארבען, דאן איזט עס מעהר אלס געוויס דאס זיינע שטעלע דיא בעקאם איך...

הנוך: אונ דיא טאכטער בעקום איך, איז שוין טאקי ווידער גוט.

אנטיגנוס: דארום זאג איך דיר געדולד אונד דאס מויל האלטען! (אפארט) איך ווערדע שאן מיט דער צייט דיר דען מונד פיר עוויג שליעסען. (אב)

הנוך: אוי איז דאס א הונד מיט ציין! בלינד! נעביך אזא גוטער אבנר! מיר טהוט נעביך וויא דאס הארץ אויף איהם... עס קען דאך אבער אנדערש נישט זיין, איך בין פערליעבט, איך שטארב! אונ אז איך האלט ביים שטערבען איז דאך דאס פיקוח נפש, אונ פיקוח נפש איז דוחה שבת... שלומית'ל... (טאנץ, אב)

(אויפטריט איזבל טרויריג)

איזבל: ניין איך פינדע מעהר קיינע רוהע, פערשוואונדען איזט פאן מיר שלאף אונד פריידע, דיא שטילע אונד דיא איינזאמקייט שרעקט מיך, האט מיך דען אלעס פערלאסען? אויך מיינע טאכטער? וואו איזט זיא?

(אויפטריט תלמי)

דוא ביזט עס תלמי? ביזט דוא גאנץ אליין געקאמען אהנע מיינע שלומית? האסט דוא נאכגעפארשט וואו זיא איזט? האסט דוא מיר איינע נאכריכט פאן איהר געבראכט?

תלמי: קיינע.

איזבל: האסט דוא זיא געזוכט אין דיא האלען, אין דיא גערטען, אין דיא שטראסען? וואהין איזט דען מיינע טאכטער פערשוואונדען?

תלמי: דיינע טאכטער איזט געוויס צום קערקער איהרעס פאטערס געגאנגען אום דיא פראמע פפליכטען איינעס קינדעס צו ערפילען, זיא אומשוועבט איהר פאטערס געפענגניס וויא איינע פראמע טויבע מיט דעם קלאגע לויט דער ליעבע, דען וואהרשיינליך האט זיא שאן

װעלבסט ערפאהרען דאס װאס איך בין געקאמען איהר מיט צו טהיילען.

איזבל: װאס איזט דען געשעהען? זאג עס אויך מיר.

תלמי: דיר?!! דאך יא! דוא זאלסט עס הערען, דיא שטרענגע ריכטער פאן אבנר'ן האבען דעם פאלשען צייגניס פאן זיינער פרויא געגלויבט אונד איהם צום טאדע פערארטהיילט, דאך דער קעניג האט איהם לעבען אונד פרייהייט געלאסען אונד איהם נור אויס דעם לאנדע פערװיעזען.

איזבל: שפריכסט דוא װאהר?

תלמי: יא אומזאנסט האסט דוא פיר דיין מאנס האלז דאס מעסער געשליפען, ער לעבט אונד איזט פריא.

איזבל: לעבט אונד פריא?

תלמי: אונד פערבאנט, נון איזט דיין האס נאך ניכט בעפרידיגט? ערפרייט האט דיזע נאכריכט אונז אלע נור ניכט אבנר'ס פרויא, דיינען מאן האסט דוא געװאלט פערניכטען אונד דוא װעלבסט ביזט פערניכטעט, דאס אבער איזט ערשט דער אנפאנג דיינער שטראפע.

(װיל אב)

איזבל: תלמי װארטע, קאם נעהער צו מיר, געסטערן אלס אבנר װאר נאך אים פאלען גלאנץ זיינער גרעסע אונד ער האט דיך דען שקלאװען אלס זיינען זאהן אנערקאנט האט ער דאמיט איינע אלטע װאונדע אויפגעריסען אונד מיין הערץ װאר פאל האס אונד צארן געגען דיך זא װיא געגען איהם, יעטצט אבער יעטצט װען דוא װענדעסט דיך פאן מיר אװעק מיט זאלכער פעראכטונג, אנשטאט דיר צו צירנען פיהל איך מיך צו דיר הינגעצאגען, מיין צארן האט זיך אויפגעלעזט אין מיטלייד, אין װעהמוט יא זאגאר אין ליעבע! תלמי! פערלאס מיך ניכט, זייא אויך מיין קינד.

תלמי: (רייסט זיך אויס) װייב! דאמאלס אלס איך האב דיך צום ערשטען מאל געזעהען אן דער זייטע פאן דעם גראסען העלדען, װאן איך האבע זיינע שעהנע הערליכע געשטאלט צום ערשטען מאל ערבליקט אונד אונזערע אויגען האבען זיך בעגעגנעט האט עס מיין הערץ אהנע צו װיסען װארום זא טיעף ערגריפען דאס מיינע אויגען האבען זיך

מיט טרעהנען געפילט אונד איך וואלטע וויינענד צו דיינע פיסע זינקען אונד פאר דיר יאמערן זייא דוא מיינע מוטער דען מיר פעהלט איינע, איינזאם בין איך אין דער גראסען ווייטען וועלט, דיא יעניגע וועלכע האבען מיר דאס לעבען געשענקט, דיא האב איך ניע געזעהען, ניע געקאנט, אך ווען דיעזעם וייב מיינע מוטער ווערע ווער נאך דאמאלס דער הייסעסטער וואונש מיינעם הערצענס, הייטע אבער נאכדעם איך האב ערפאהרען דאס דיינע הענדע האבען דיא פפיילע געשמיעדט וועלכע זאל אבנר'ס הערץ דורכבאהרען, פפליכט, נאטור אונד ליעבע האסט דוא מיט אונמענשליכער גרויזאמקייט ערשטיקט! הייטע ווענדעט זיך מיין הערץ פאן דיר וועק מיט שרעקען אונד פעראכטונג, הייטע וויל איך איינע טיגערין פאן דער ווילדען וויסטע ליעבער נענען מוטער א"ם איין זאלכעם וייב וויא דוא! (אב)

איזבל: (פויזע) דאס איזט דער אנפאנג מיינער שטראפע... דאך ניין, איך בערייהע מיינע האנדלונג ניכט, אה שאטען מיינעם קינדעם הערע דיא שטימע דיינער מוטער, קאם שטייגע הערויס אויס דיינעם גראב אונד צייגע דיך מיינעם בליק זא וויא דוא ווארסט דאמאלס ווען דיין פאטער האט דיך הין געאפפערט, דיין הערץ צערייסענדער אנבליק זאל מיינע וואונדע אויפס נייע ענטפלאמען אונד אין מיינעם הערצען טעטען דעם לעטצטען פינק פאן ליעבע וואס איך נאך פיהלע פיר דיינען מערדער.

(אויפטריט פרץ, מילכה)

איהר זייט עס? קאמט איהר אליין? ווארום מיין שלומית ניט מיט אייך? האבט איהר זיא ניכט געזעהען אירגענד ווא?

פרץ: צו שלומית'ן זענען מיר דאך געקומען איז זיא גאר נישט דא? קום מילכה.

איזבל: ווארטעט איך וויל מיט אייך צוזאמען געהן אונד זיא זוכען.

פרץ: דוא מיט אונז צוזאמען געהן? שטעהט מיר נישט אן, קום מילכה.

איזבל: ווארט! האסט דוא דען דיינען פערשטאנד פערלארען?

פרץ: נאך נישט.

איזבל: קאם הער צו מיר מילכה.

פרץ: מילכה: וויא גאט איז דיר ליעב, וויא פרץ איז דיר ליעב, ריהר דיך ניט צו איהר צ., שטעה נישט אין איהרע ד׳ אמות!

איזבל: פרעכער דיענער! האסט דוא פערגעסען ווער איך בין?

פרץ: איין אשה רעה!... יא דאס ביזט דוא אונ לאז מיר אב מיין מילכה. אדער ווילסט דוא אז דיין קרענק זאל אויך צו איהר איבערגעהן?

מילכה: אה הערדין! זייא נישט בייז אויף איהם, ער האט איין גוטעס הערץ אונ האט ניט געמיינט חלילה דיך צו בעליידיגען, ער האט נאר געזאגט דאס וואס אלע זאגען אויף דיר.

איזבל: אונד דוא? דוא וועלכע דוא ביזט אין מיין הויז אויפגעוואכסען אונד ביזט ביינאהע וויא מיין אייגען קינד, וואס זאגסט דוא אויף מיר?

מילכה: מ... מעג איך... מעג איך דען זאגען דעם אמת?

איזבל: געוויס!

מילכה: דא... דא... דאס זאג איך אויך! (געפאסט) יא, אונד ווען דוא זאלסט זאגאר מיינע אייגענע מוטער זיין, וואלט איך אויך אנדערש נישט געזאגט, איזט דאס נישט הימעל שרייענד מיט אייגענע הענד צו צערשטערען אזא גליקליך הויז! אונ ווען עס זאל אויך זיין אמת, אז דיין מאן איז איין פערדעטער געגען קעניג, וואס געהט עס דיך אן? וואס האט א ווייב זיך צו מישען אין פאליטיק? א ווייב איז דיא ריפ פון איהר מאן, אונ וואס מיין מאן געפעלט, געפעלט מיר אויך, אונ וואס איהם נישט געפעלט דארף מיר אויך נישט געפעלען! מיין מאן ער איז מיין קעניג! מיין מאן ער איז מיין פאטערלאנד! מיין מאן ער איז מיין גאט אונ מיין וועלט אונ מיין אלדינג.

פרץ: מילכה עס זאל מיר זיין פאר דיין צונג... אמת אזוי איז עס וויא דוא זאגסט! כאיז אלדינג אמת, נאר איין זאך נישט, אבער איין פערדעטער? ניין! זיא אליין ווייסט אויך אז סאיז נישט אמת! זאג האט דיר אבער אזוי דיא בריעף געשיקט אזוי וויא זייא זענען? זאג דעם אמת, איך בעשווער דיך ביא דיין איינציגע טאכטער שלומית.

איזבל: שווייג.

פרץ: ניין! איך וויל ניט שווייגען, איך וועל שרייען, שרייען ביז איך וועל דיך טויב מאכען! זאג עס אמת: איך בעשווער דיך ביא דעם

אַנדענקען פון יענעם קינד װעלכעם דוא האסט אויף דער װעלט געבראכט צוריק מיט אכטצעהן יאהר.

איזבל: װאס האסט דוא געזאגט? װאס װייסט דוא פאן יענעם קינד?

פרין: װאס איך װייס פון יענעם קינד? מעהר פון דיר, זאג דעם אמת און איך װעל דיר אנפערטרויען אזא זאך װאס קיין זעעלע האט עס נאך פון מיר ביז יעטצט געהערט ניט אפילו אבנר.

איזבל: שפּריך!.... נון רעדע דאך.

פרין: נאך נישט! פריהער זאג דוא מיר, האט אבנר אמאל דיר דערצעהלט פון יענעם קינד?

איזבל: אין איין בריעף האט ער מיר געשטאנדען, דאס דאס קינד איזט ניכט דאמאלס אן מיינער ברוסט געשטארבען, נור ער האט עס איינעם דיענער געגעבען דאס אומצובריגגען.

פרין: אונד װייסט דוא װער יענער דיענער איז געװען?

איזבל: װער?

פרין: איך!!!

איזבל: דוא?

מילכה: פרין!!!

איזבל: (ערגרייפט איהם) ביזט דוא מיין קינדס מערדער?

פרין: פאװאליע! דערהרגע מיך נישט, איך בין דאך נישט דיין מאן! פריהער הער! אזוי װיא דורך א נבואה פון דעם הימעל האט זיך אבנר איבערציינט אז דיין קינד װעט זיך פעראייניגען מיט דיא היידען, מיט אונזערע שונאים געגען אונזער היילגע לאנד! איז דאס נאך נישט גענוג? ניין דער טהייערער תכשיט װעט זיך אויך מיט זיין שװערד דיא ברוסט פון זיין איינעגעם פאטער לעבערען. נור גאט אליין װייסט, װיפיעל בלוט אונד טרעהרען עס האט זיין פאטער געקאכט ביז ער האט זיך דאך ענטשלאסען נישט צו ערציעהען דעם אייגענעם פאטערלאנד א שונא. אין דעם אייגענעם הויז אזא שאנדע, װיא יונג איך בין דאמאלס געװען, בין איך שאן געװען אבנר׳ס ליעבלינג, אונ ער האט צו מיר דאס גרעבסטע צוטרויען געהאט אונ נור מיר אליין האט ער דאמאלס דאס טרויריגע געהיימניס אנפערטרויט אונ אין

מיינע הענדע איבערגעבען דעם זיסען קדיש אז איך זאל איהם פערזארגען אונ...

איזבל: נון...

פרץ: האב איך איהם פערזארגט.

איזבל: ערמארדעט?

מילכה: דוא?

איזבל: האסט איהם געטעטעט?

מילכה: ביזט דוא דער שליח געוועזען?

איזבל: שפריך!

מילכה: רעדע!

פרץ: שאאאאט קאטשקעס!... לאזט מיך אויסרעדען, איך האב דאס זינדיגע נשמה'לע אויף מיינע הענד גענומען אונ געשפאנט, וואהין, וואס דערמיט צו טהון, האב איך אליין ניט געוואוסט. אזוי געהענדיג אויף דעם וועג האט פלוצים אנגעהויבען דער קאפף מיר צו רוישען אונ דאס הארץ מיר צו קלאפען, וואס איז? דער קאפף מיט'ן הארץ האבען זיך צוקריעגט, דער קאפף האט געטענה'ט פרץ אויב דאס קינד וועט שפעטער זיין א מערדער נאך דערצו א פאטער מערדער אזא קינד דארף נישט אויפוואקסען, האט אבער דאס הארץ געטענה'ט פרץ אויב דאס קינד וועט אמאל זיין א מערדער אדער ניט דערווייל ביזט דוא פרץ שוין א מערדער, האט זיך ווייטער דער קאפף אנגערופען...

מילכה: וואס?

פרץ: איך געדענק שוין ניט וואס דער קאפף האט ווייטער געזאגט, האט איהם אבער דאס הארץ געענפערט...

מילכה: וואס?

פרץ: געדענק איך שוין אויך ניט, איך געדענק נור אז דער קאפ האט גערוישט אונ דאס הארץ האט געבאכעט אונ איך בין געגאנגען, געגאנגען אונ געגאנגען אזוי לאנג, אזוי ברייט, וואלד אוים, וואלד איין, נישט איין, נישט אוים, ביז איך בין צוגעקומען צום ברעג פון ירדן, דארט האב איך מיך אנידער געזעצט מיט דעם צוקינפטיגען מערדער אויף מיינע הענד, קוקענדיג אזוי אין זיינע מערדערישע אייגעלעך פרעג איך איהם וואס

זָאל איך מיט דיר טהון? ענטפערט ער מיר א ע א ע, גלייך וויא ער וואלט מיר געזאגט פרצ׳ל, זיעם פרצ׳ל, טהייער פרצ׳ל, שענק מיר דאס לעבען! וואס בין איך שולדיג וואס איך בין געבוירען געווארען? האט עם מיך געגעבען א קלעם ביים הערצען אונ איך האב באלד געגעבען א געשרייא צו מיר אליין פרץ! דער קליינער האט רעכט, דערוויייל איז נישט ווייט פון דעם ברעג פארבייא געזעגעלט א שיף, א געדאנק! איך האב דאס קליינע מערדעריל ביים ברעג אוועק געלעגט אונ איך האב מיך פערשטעקט, האב איך געזעהן וויא דער שיפער האט עס זיך אין שיף צוגענומען אונ איז דאמיט אוועק אונ פטור געווארען א חמץ פון דער שטוב.

איזבל: דוא האסט איהם אלזא נישט א מגעבראכט?

מילכה: ער איז געבליעבען לעבען?

פרץ: נישט אבער אליין ווייכט עס נאך אויך, דוא ביזט דער ערשטער וואס האסט געהערט דעם אמת, דערפאר וויל איך אבער פון דיר אויך הערען דעם אמת, א יא דוא האסט פאלש עדות געזאגט געגען דיין מאן?

איזבל: אונד יענער שיפער ווער איזט ער? אונד וואהין האט זיין שיף געזעגעלט?

פרץ: ווער ער איז, פון וואנען ער איז, וואהין ער איז, דאס ווייס איך נישט, אבער א יא דוא האסט פאלש עדות געזאגט געגען דיין מאן?

איזבל: אונד ווארום האסט דוא דאמאלס אויך מיר ניכט דיעזעס געהיימניס אנפערטרויעט?

פרץ: אז דיין מאן האט פערשטאנען דוא דארפסט עס נישט וויסען, האב איך אויך אזוי פערשטאנען, אבער דוא? א יא דוא האסט פאלש עדות געזאגט געגען דיין מאן?

מילכה: אה הערריך, נאך איזט עס צייט, ציה צוריק דיין פאלשעס צייגניס... רעטע דיין אונשולדיגען מאן.

פרץ: ארוים מיט׳ן אמת.

מילכה: דערפאר וועט דיר גאט העלפען.

ביידע: דעם אמת, זאג דעם אמת.

איזבל: (אויפגערעגט) לאָסט מיך... מאַרטערט מיך נישט... אָדער וואָלט איהר איך זאָל מיינען פערשטאַנד פערליערען?

פרין: דאָס יאָ!

איזבל: וואָס איך געטהאָן האָבע, איך ווייס עס ניכט!... וואָס ווייטער צו טהון... ניין... איך קאָן ניכט... אונמעגליך, גאָט העלפע מיר, העלפע. (אב)

פרין: נוא מילכה'לע וואָס זאָגסט דוא? (I. Ritt.)

מילכה: (וויינענד) וואָס איך זאָג? איך זאָג אָז...

פרין: אָז.

מילכה: איך האָב שוין מורא חתונה צו האָבען.

פרין: מורא? גאָט איז מיט דיר! אויב סאיז אַ רעדע פון מורא דאַרף איך דאָך מורא האָבען.

מילכה: דוא?

פרין: איך נאַר איך! אָט וועהסט דוא עס מיט דיא אויגען אַזאַ העלד וויא אַבנר, אַזאַ העלד וואָס האָט איינגענומען אַזוי פיעל לענדער, איינ־גענומען אַזוי פיעל שונאים, איינגענומען אַ וועלט, קומט ער אַהיים צו זיין ווייב אונ נעמט איין...

מילכה: וואָס?

פרין: אַ מיתה משונה! פון דעסטוועגען קוק איך דאַרויף נישט, אונ אַז איך שטעל מיר איין מיין לעבען אונ האָב חתונה מעגסט דוא אַ וודאי חתונה האָבען. (II. Ritt. Nr. 11)

אַ טרייע פרויא לויפט פאַר איהר מאַן אפילו אין דער ערד אַריין.

מילכה: אין דער ערד צו לויפען פאַסט דאָך גיכער פאַר אַ טרייען מאַן.

פרין: אויף דיא הענד טראָגען דעם מאַן וויא אַ קינד.

מילכה: דאָס דאַרפט איהר טהון ווייל איהר זענט זעהר געזונד.

פרין: דעם מאַן איינשלעפען.

מילכה: אויף קיין שום אופן.

פרין: מיך שען פאַרוויגען.

מילכה: ניין קענסט דאָס נישט קריעגען.

פרין: יאָ.

מילכה: ניין.

פרץ: יָא.
מילכה: ניין.
פרץ: יָא.
מילכה: ניין.
מילכה: איילולוּא זָאל אַ פְרויא דֶעם מַאן נָאר זִינְגֶען
פרץ: ווייל אַזַא מַאן מַאכְט דִיר כָּבוֹד אִיךְ בִּין הֶערְר.
מילכה: צוּ דֶעם קֶענְסְט דוּא דִיר אַ הַאלְב טִיץ שְׁקְלַאוֶוען דִינְגֶען.
פרץ: ווייל דָאס ווייב פְרֶעסְט אוּמְזִיסְט אִיךְ אַרְבַּייט שְׁוָוער
ביידע: אַ מַאן לִיעבֶּען כָּבוֹד עֶהְרֶע
דָאס אִיז נָאר בַּיים מַאן דִיא בְּרֵירָה
ווֶעסְט דוּא פַארְדִיעֶנֶען דָאס גֶעפִינֶען קֶענְסְט דוּא נָאר בַּייא מִיר
ווִילְסְט דוּא נָאר דֶעם סְפָּאדִיק טְרָאגֶען
מוּז אִיךְ דִיר דֶעם אֱמֶת זָאגֶען.
פרץ: נִישְׁט בַּייא פֶּרֶץ.
מילכה: נִישְׁט בַּייא מִילְכָּה.
זוּךְ זְשֶע דִיר אַיין אַנְדֶער בְּרִיאָה
מוֹחֵל דִיר אַזַא מְצִיאָה — הַאלְט דֶעם פִּיסְק.
מילכה: פֶּרֶצ׳ל הֶער.
פרץ: ניין אִיבֶּערְבֶּעטֶען ווֶעל אִיךְ מִיךְ מִיט דִיר נִישְׁט מֶעהְר.
מילכה: פֶּרֶצ׳ל קוּם צוּ מִיר גֶעשְׁווִינְד.
פרץ: נוּא זָאג מִיר צוּ דוּא ווֶעסְט מִיךְ הִיטֶען ווִיא אַ קִינְד.
מילכה: אִיךְ ווִיעג דִיךְ אַיין אוֹיף מַיין שוֹים } (ביידע)
נָאר הַאלְט דוּא דִיךְ נִיט אַזוֹי גְרוֹיס. }
קוּם קוּם קוּם.
איילולוּא שְׁלָאף גֶעזוּנְד, איילולוּא שְׁלָאף מַיין קִינְד
איילולוּא חָלוֹם פְרֵייא נוּר פוּן לִיעבֶּע אוּנ גֶעטְרַייא... איילולוּא

(אַב)

פערוואנדלונג

(קערקער הויף, אויפטריט שלומית אלס קנאבע)

(II. Ritt. Nr. 12)

שלומית: פערלאסען בּיזט דוא יעטצט פאן דער גאנצער וועלט
פאטער... פאטער...
געבלענדעט אונד פערבאנט אונד יעטצט פערטרעטשט
פאן דעם פאטערלאנד
העטטע איך פאטער, העטטע איך נור געקאנט
איך וואלטע דיינע שמערצען היילען
אך ווערע איך יעטצט נור אומשטאנד
מיינע אויגען וואלט איך מיט דיר געטהיילען
דאך איך געה ניכט פאן היער
איבעראל פאלגע איך דיר
איך אליין איך דיין קינד איבעראל
פאלג איך דיר איך אליין דיין קינד
איך וויל דיין אויגע זיין מיין לעבען אפּפערע איך
פאר דיר איך אליין איך דיין קינד...

(אויפטריט וועכטער)

וועכטער: הע בורשע ווער בּיזט דוא?
שלומית: איין ארמעס בויערן קינד.
וועכטער: אונד וואס זוכסט דוא היער ביים געפענגניס?
שלומית: איך האבּע געהערט דאס מאן זוכט איינען ארמען קנאבען אום
איינען בלינדען צו פיהרען.
וועכטער: ווילסט דיעזען בלינדען פיהרען?
שלומית: יא.
וועכטער: אונד ווייסט דוא ווער דיעזער בלינדער איזט?
שלומית: עס איזט דער גענעראל אבנר.

וועכטער: האסט איהם שאן אמאל געזעהען?

שלומית: יא! ווען דער קעניג אונד דאס גאנצע פאלק האבען איהם עמפפאנגען מיט יובעל אונד פריידע. (וויינט)

וועכטער: דוא וויינסט? דוא שיינסט איהם טיעף צו בעדויערען.

שלומית: ווער קען ניכט וויינען איבער דאס שיקזאל פאן דיעזען אונגליקליכען? ערשט געסטערן האט איהם דאס גאנצע פאלק פערגעטערט, הייטע ליעגט ער איינזאם אין איין פינסטערען קערקער. ערשט געסטערן וואר ער דער שטאלץ אונד דיא ציערדע פאן דעם פאטערלאנד, הייטע ווירד ער פאן דעם פאטערלאנד פעריאגט אלס איין בלינדער בעטלער.

וועכטער: אינטערעסירט דיך זיין אונגליק זא פיעל, ווארום? וואס אייגענטליך געהט ער דיך אן?

שלומית: ווייל... ווייל איך האטטע איינסט איינען ארמען בלינדען פאטער וועלכען איך פלעגטע אלס קינד פיהרען אונד זייט דעם אינטערעסירט מיך יעדער בלינדער ווער עס אויך זייא, ווייל דאס ערינערט מיך אן מיינען אונגליקליכען פאטער.

וועכטער: אלזא דוא ווילסט זיין פיהרער זיין? גוט! ווארטע היער. איך ברינגע איהם באלד דיר אויס דעם געפענגניס אונד דיא וואכע ווירד אייך בעגלייטען ביז איבער דיא גרענצע, אבער דוא דארפסט ניע מעהר מיט איהם צוריק קעהרען, בייא טאדעס שטראפע. (אב)

שלומית: (וויינענד) יעטצט אזה לאנג פערהאלטענע שמערץ, יעטצט דארפסט דוא דיינע קעטען ברעכען, קוועלט אויס מיינע אויגען איהר טרעהנען, פליעסעט, פליעסעט פיעל, זאנסט צערשפרינגט אין מיר דאס הערץ, מיין פאטער דער גרעסטער אונטער אלע העלדען, דער בעסטער אונטער אלע מענשען, ער האט קיינע אויגען מעהר, אה פאטער פאטער! קענטע איך נור מיינע אויגען דיר וועק געבען.

(אייפטריט אבנר אין קעטען, וועכטער)

גאט זא זיעהט יעטצט מיין פאטער אויס? וועה מיר.

אבנר: זאגען ווערמע פיהל איך היער, פרישע ערקוויקענדע מארגענלופט, בין איך דען ניט מעהר אין מיינעם קאלטען פינסטערען קערקער?

וועכטער: ניכט נור אויס דעם געפענגניס, זאנדערן אויך פון דיינע קעטען ווירסט דוא יעטצט בעפרייעט. (נעמט זיא איהם אב)

שלומית: גאט ליידע מיר קראפט, העלפע מיר ערטראגען וואס איך זעהע, וואס איך הערע!

אבנר: שלוכצען הער איך, וויינט ניכט יעמאנד?

וועכטער: עס איזט איין קנאבע וועלכער אום דיך וויינט.

אבנר: אום מיך? גיבט עס נאך טרעהנען פיר אבנר?

וועכטער: דער קנאבע וויל דיין פיהרער זיין, ביים טהאר ווארטעט שאן דיא וואכע אום איך צו בעגלייטען, נור בעדענקע קעהרסט דוא איין מאל ווידער צוריק בעצאהלסט דוא עס מיט דיינעם לעבען אונד אויך דאס לעבען פאן דיעזען קנאבען לאדעסט דוא אויף דיינען געוויסען, גליקליכע רייזע געדענקע. (אב)

אבנר: קנאבע!

שלומית: הערר!

אבנר: קאם נעהער צו מיר, איזט דער וועכטער שאן פארט?

שלומית: יא.

אבנר: בין איך אליין מיט דיר?

שלומית: יא.

אבנר: דוא שיינסט איין גוט הערציגעס קינד צו זיין, דען דוא האבט אום מיך געוויינט. איך קאן מיך אלזא דיר אנפערטרויען אונד דוא ווירסט מיינע ביטע מיר ניכט אבשלאגען, ניכט וואהר?

שלומית: שפריך.

אבנר: קענסט דוא מיינע וואהנונג?

שלומית: יא.

אבנר: זא לויפע שנעל דאהין מיין גוטער קנאבע, בעפאר וויר ווערדען אבגעפיהרט.

שלומית: וואס זאל איך דארט?

אבנר: הערע ליעב קינד, איך האבע צו הויזע איינע טאכטער אונד בעפאר איך געהע אום ניע ווידער צוריק צו קעהרען וויל איך נאך איינמאל, צום לעטצטען מאל זיא זעהן... אך וואס רעד איך, זעהן האב איך געזאגט? ניכט ענטוועהנען קען זיך דיא שפראכע זא שנעל פאן דעם וואס איך האבע זא שנעל פערלארען, אבער הערען, הערען מעכטע איך נאך איין מאל דיא שטימע מיינע טאכטער, לויפע שנעל

גוט-הערציגער יונגע, זיא ווירד דיר גערנע פאלגען, זאג איהר
ס. איהר פאטער וויל צום לעטצטען מאל לעגען זיינע האנד
אויף איהר קאפף, צום לעטצטען מאל זיא אן דאס ליעבע-פאלע
פאטער הערץ דריקען.

שלומית: (קען זיך ניט בעהערשען) פאטער!

אבנר: וועלכע שטימע?

שלומית: פאטער! מיין אונגליקליכער פאטער!

אבנר: דוא מיינע טאכטער? מיין קינד דוא ביזט עס?

שלומית: ערפאהרען האבע איך דאס מאן זוכט פיר דיך איינען יונגלינג זא האבע איך מיך אין מענער טראכט פערקליידעט אום ניכט ערקענט צו ווערען, דאמיט איך זאל דיך פיהרען, דיך בעגלייטען, דיך בעשיטצען, מיט דיר דיינע ליידען טהיילען, קיין פרעמדער נור איך דיין קינד.

אבנר: אה קעננטע איך נאך טרעהנען פערגיעסען, אך! וויא רייכליך ווירדען זיא פליעסען, ניכט פאר יאמער, ניין! פאר פריידע! קעניג אונדאנקבארער הערשער, אלעס האסט דוא מיר גערויבט! פאן מיינעם קאפף האסט דוא דיא לארבער קראהנע מיר ענטריסען אונד איהם מיט שאנדע בעדעקט! האסט מיר מיין שווערד גענאמען אונד דאפיר מיר קעטען געגעבען, אויסגעצויגען האסט דוא מיר מיין פורפור מאנטעל אונד מיך איינגעהילט אין שקלאווען טראכט, האסט מיר גענאמען דאס וואס דוא מיר ניכט געגעבען האסט, מיינע אויגען! דיא אויגען וועלכע האבען טאג אונד נאכט פיר דיך געוואכט, אונד גלויבסט דוא דאמיט מיך גאנץ פערניכטעט צו האבען? ניין! איינעס איזט מיר נאך צוריק געבליעבען זא איינעם וועלכעס דוא קאנסט עס מיר ניכט נעהמען, דיא ליעבע פאן מיינעם טרייען אונד פראמען קינד.

שלומית: מיין פאטער! (אומארמונג)

(פ א ר ה א נ ג.)

(ענדע דעם דריטען אקטעס).

IV. אקט.

(וואלד מיט פעלזען בריקע, אויפטריט פערזער, סעלים, תלמי).

(II. Ritt. Nr. 13)

קאהר: וואכט אויף וואכט אויף צום קאמפף (ביס)
איהר בראווע פערזער פארווערטס
פארווערטס געהט צום שטרייט. } (ביס)

תלמי: בעשטירמען דאס העברעער לאנד (ביס)
זייערע העלדען צו בעקעמפפען האבען וויר מארשיערט זא ווייט.

קאהר: בעשטירמען...

תלמי: דארום אלע פריש מיט מוטה — זיעגער זינד וויר איבעראל
ראכע פיר דעם גענעראל — אלע פריש מיט מוטה.

קאהר: אלע פריש מיט מוטה — זיעגער זינד וויר איבעראל
ראכע פיר דעם גענעראל — אלע פריש מיט מוטה
ראכע ראכע פיר אונזער גענעראל (טאנץ)
יא ראכע פיר אונזער גענעראל ראכע יא ראכע!

תלמי: מיין סעלים דענקסט דוא ניכט דאס וויר האבען היער גענוג געראהעט אונד עס איזט צייט וייטער צו מארשיערען.

סעלים: גאנץ רעכט, דאך צוערבט זאגע מיר תלמי וויא ווייט איזט נאך ביז ירושלים?

תלמי: ווען וויר נאך וייטער זא מארשיערען וויא ביז יעטצט זינד וויר דארט אין איניגע טאגען.

סעלים: גוט, דאן איבערפאלען וויר פלעטצליך דיעזע הויפטשטאדט פון דעם העברעער לאנד, אונד אויף איהרע מויערען ווערדען באלד וועהען אונזערע פאהנען, דיא פערזישע, ניכט וואהר?

תלמי: גאנץ זיכער. (I. Ritt.)

סעלים: אונד ביזט דוא ווירקליך איבערצייגט דאס איין גראסער טהייל פון דער העבראישען ארמעע ווירד צו אונז איבערגעהן אונד זיך אויף אונזערע זייטע שלאגען?

תלמי: יא זא באלד זיא נור דיא אורזאכע ערפאהרען ווארום וויר אין דאס לאנד יהודא איינגעדרונגען, דען יעדער סאלדאט וועלכער איזט איינמאל געשטאנדען אונטער דעם קאמאנדא פאן דעם בעריהמטען געניעראל אבנר דער האט דיעזען נאמען ניכט פערגעסען, דער איזט דורסטיג נאך ראכע פיר זיין געפאלענען געניעראל, דארום זאל דער נאמען אבנר פאן יעדער מונד גערופען ווערדען — אבנר אונד ראכע זייא אונזער לאזונגס ווארט אונד דאס פיהרט אונז צום זיכערען זיעג.

סעלים: אבנר אונד ראכע!

אלע: אבנר אונד ראכע!

סעלים: אויף נאך ירושלים פארווערטס. (II. Ritt. Nr. 14)

תלמי: יא אבנר אונד ראכע דאס איזט אונזער לאזונגס ווארט
יא אונזער ווארט, יא אבנר אונד ראכע זאל יעדער
שרייען אונד וויינען, פארט
יא פארווערטס אין דאס לאנד יהודא אין דען גערעכטען
קריעג
נור פארווערטס אין דאס לאנד יהודא טאד אונד זיעג. (קאהר ביס)

(II. Ritt. Nr. 15) (ראכע, אב)

(אויפטריט אבנר געפיהרט פון שלומית)

אבנר: וועיט וועיט פאן מיין פאטערלאנד

שלומית: וועיט פאן מיין פאטערלאנד

אבנר: פערטריעבען בין איך

ביידע: פערטריעבען זינד וויר — אויף דער וועיטער וועלט

אבנר: שענקט א נדבה דעם געוועזענעם העלד

ביידע: שענקט א נדבה דעם געוועזענעם העלד

אבנר: אין מיינעם הויז געהערשט האט אויך אמאל פריעד אונד גליק
שענקט א נדבה דעם רעטער פאן דעם פאטערלאנד

שלומית: פארביי איזט דיא צייט, דער בלינדער בעטלער שטרעקט אויס
נאך א נדבה זיין האנד, שענקט א נדבה

ביידע: דעם רעטער פאן דעם פאטערלאנד
שענקט א נדבה דעם רעטער פאן דעם פאטערלאנד.

אבנר: (ווערט צוגעפיהרט פון שלומית צו איין שטיין, ער זעטצט זיך ז.א. נעבען איהם אויף דער ערד) נון מיין קינד וויא געפעלט דיר דיין יעטצטיגעס לעבען? ראהע הארטע פעלזען אונטער דיינע פיסע, דארנען צערשטעכען דיינע הענד, אונטער דיינען קאפף ליעגט אלס קיסען איין הארטער שטיין, בעטלען מוזט דוא איין שטיקכען בראד פיר אונז, אך! אונד דיעזעס עלענדע לעבען האב איך דיר בערייטעט.

שלומית: עלענדעס לעבען? ניין טהייערער פאטער, בעגליקט בין איך דאס איך טהיילע מיט דיר דיין טרויריגעס שיקזאל.

אבנר: יא טרויריג איזט מיין שיקזאל, דאך איך האבע עס פערדיענט. ווארום וואלטע מיינע פרעכע האנד געוואלטזאם פערניכטען יענע שרעקליכע נביאה וועגען מיין זאהן, דיינע שוידערהאפטע צוקונפט וואס דער הימעל מיר געצייגט האט?

שלומית: אונד דאך ווירד ניעמאנד וואגען דיך צו בעשולדיגען, אים געגענטהייל מיטפיהלען מוז יעדער מיט דיר דיא ליידען פאן דיינעם פאטער הערץ, בעוואונדערען מוז דיך יעדער מיט וועלכעם העלדענ-מוטה דוא וואלטעסט דיין קינד מקריב זיין אויף דעם מזבח פון אונזער הייליג פאטערלאנד, אבער וואס דער הימעל בעשטימט האט קען קיין מענש ענדערען, דיין זאהן איזט דאך געבליעבען לעבען וויא איך האב דיר שאן ערצעהלט פאן דיינעם טרייען דיענער פרץ וועלכער האט עס מיר ענטדעקט.

אבנר: יא מיין זאהן איז געבליעבען אם לעבען אונד איך ווייס ניכט אב איך זאל מיך דאריבער פרייען אדער ציטערען! יענע שרעקליכע פראפעצייהונג וואר זיא איינע פאלשע? אדער... גאט מיך שוידערט ווען איך דאראן דענקע, (מען הערט דאס קאהר) הארך וואס זינד דאס פיר קריגערישע טעהנע?

שלומית: אך פאטער איבער דיא פעלזענבריקע קאמ[illegible] צוג פאן פערזישע קריעגער.

אבנר: אונד ווארום ציטערסט דוא? (I. Ritt.)

שלומית: אה דיעזע בארבארען וועלכע האבען שאן זא פי[illegible]ל דיינע גרעסע געפיהלט, ווען זיא דיך יעטצט וויעדער ערקענען, ווערדען זיא

זאן דיין אונגליק שפאטען, דיך פיעליכט טעדטען, קאמע פאטער
לאם אונז ענטפליהען.

אבנר: פירכטע ניכטס מיין קינד, ווען זיא קריעגער זינד ווערדען זיא איינען
אלטען קריעגסמאן ניכט פערשפאטען.

(סעלים, קאהר אלס פערזער ערשיינענד זינגענד אבנר אונד ראבע) (II. Ritt. Nr. 16)

אבנר: וואס העריע איך מיינען נאמען ביא דיא פיינדע אין מונד? (ערהעבט
זיינען שטאק מיט מעכטיגער בעפעהלענדער שטימע) האלט!!!

סעלים: (פון דער בריקע) ווער רופט דארט?

אבנר: האלט זאג איך קיינען שריט ווייטער!

סעלים: (פון תלמי בעגלייטעט קאמען הערונטער) ווער איזט דיעזער בעטלער
ועלכער וואגט אונז אויפצוהאלטען?

אבנר: דער זעלבער וועלכער ווירד יעטצט פאן אייער מונד געהערט,
איך בין אבנר! (תלמי פון דער פערנע שטוינענד)

סעלים: וואס? דוא געניעראל אבנר? ארמער מאן ביזט דוא נור בלינד
זאנדערן אויך פערריקט?

תלמי: בלינד?

אבנר: יא בלינד בין איך, געבלענדעט, אבער ניכט פערבלענדעט, איין
בעטלער אבער אין קראפט נאך רייך, פאן מיינעם שטאנד פערטריעבען,
דאך ליעב איך עס מעהר אלס מיין לעבען, געניעראל בין איך ניכט
מעהר, דאך נאך שטארק אונד מוטהיג אום אייך ווילדע בארבארען
מיך ענטגעגען צו שטעלען.

תלמי: (אויפשרייענד) יא! ער איזט עס! אן דיעזער שפראכע ערקענע איך
וויעדער דיעזען העלדען, (צו זיינע פיעסען שטירצענד וויינענד) לאס מיך
עדלער הערר, לאס מיך דיינע קניע אומארמען, לאס מיך דיינע הענדע
מיט מיינע היסע טרעהנען באדען, (קיסט זיינע הענדע) אין וועלכער
צושטאנד מוס איך דיך וויעדער זעהן?

שלומית: דוא ביזט עס? תלמי!

תלמי: שלומית!

אבנר: (שטרענג) תלמי! מיט וועלכען רעכט ענטווייהעסט דוא מיינען
אונבעפלעקטען נאמען? וויא קאמט דער נאמען אבנר אין דען מונד
איינער פיינדע?

תלמי: פיינדע? ניין דאס זינד זיא ניכט, העררע מיך, דיא יעניגע בייא וועלכע דוא ווארסט דער קאפף אונד דיא רעכטע, האנד דיא הא־ ן דיך מיט שאנדע הינויס געשטאסען, דיך ענטעהרט, דיין אויגען ליכט אויסגעלאשען אונד דיר נור דעם אטהעם געלאסען אום דיינע ליידען צו פערקינדען! זא האבען דיך דיינע אייגענע העברעער בעהאנדעלט; אונד וויר וועלכע דוא רופסט ווילדע בארבארען, וויר זינד אויס פערזיען הערגעקאממען טיעף געריהרט פאן דיין געפאלענע גרעסע, וואלען וויר נעהמען ראכע אן דיינע פיינדע, אונד דיך דיינעם לאנדע ווידער צוריק געבען, אה נעהמע זיא אן דיא קרעפטיגע הענד וועלכע ערהעבען זיך פיר דיך, נעהמע זיא אן דיא טרייע הערצער וועלכע דיר ענטגעגען שלאגען!

אבנר: ווער איזט דער פיהרער דיעזער ארמעע?

סעלים: איך בין עס! סעלים! דיעזער העלדישער יונגלינג תלמי האט אונז אויס פערזיען הערגערופען אום דיך צו רעטען אונד אן דיינע פיינדע ראכע צו נעהמען.

אבנר: סעלים העררע מיך, דיעזער יונגלינג וואר מיין קריעגס געפאנגענער! מיין קעניג האט מיר איהם צום שקלאווען געשענקט, מיין געשענק דיא פרייהייט וואלטע ער ניכט אננעהמען, זא פארדערע איך יעטצט פאן אייך פערזער מיינען שקלאווען צוריק.

סעלים: דיינען שקלאווען? האט דען דיין גוטער גנעדיגער קעניג דיר נאך אייגענטהום געלאסען? קאנסט דוא נאך פאן אירגענד עטוואס אויף דער וייטען ערדע זאגען דאס איזט מיין?

תלמי: יא! איך בין נאך זיין, זיין שקלאווע בלייבע איך אויך ווייטער אונד דעסוועגען האט זיך דער שקלאווע בעוואפענעט אום זיינען העררען צו רעטען.

אבנר: אבער אלס מיין שקלאווע מוזט דוא נאר מיינען בעפעהל געהארכען.

תלמי: וואס בעפעהלט מיין העררר אונד געביעטער?

אבנר: צוריק! פיהרע דיעזע קריעגער ווידער אין איהרע היימאט צוריק

[illegible]: ניין רעטען וויל איך דיך געגען דיינען ווילען.

אבנר: פערזישער יונגלינג וויא ווענינ קענסט דוא דען גענעראל אבנר, וואס גלויבסט דוא פאן מיר, איך זאל צוגעבען דאס פרעמדע קריעגער זאלען אין מיינען נאמען מיין פאטערלאנד איבערפאלען? ערפילט איזט דאס בוך מיינעם לעבענס מיט העלדענטהאטען פאן ריינער טרייע, זאל איך דען דיא לעטצטע וועניגע בלעטער יעטצט בעפלעקען מיט פאלשהייט? ציהט פאן דאנען ביידע, איך פעראכטע אייער הילפע! אונד וואן איהר מיר ביטעט אלע קעניגס קראנען דער וועלט, אונד קענטעט איהר מיין אויגען ליכט מיר צוריק געבען אונד קענטעט איהר מיינען איינציגען זאהן דיא אורזאכע פאן אלע מיינע ליידען מיר ווידער געבען, אלע דיעזע גאבען זינד מיר ניכט זא פיעל ווערטה וויא איינע איינציגע שפאנע ערדע פאן מיינעם געליעבטען פאטערלאנד.

תלמי: מיין העדר אונד געביעטער!

אבנר: צוריק זאגע איך! צוריק נאך פערזיען, נאך דיין פאטערלאנד.

תלמי: אך אבנר, ווערע דיר מיינע טרויריגע לעבענס געשיכטע בעקאנט פערזיען מיין פאטערלאנד? ניין אבנר דאס איזט עס נישט.

אבנר: ניכט? ביזט דוא דען קיין פערזער? וועלכעם אנדערען לאנדע פערדאנקסט דוא דיין לעבען?

תלמי: אונבעקאנט איזט מיר מיין פאטערלאנד, וויא אויך דיא יעניגע וועלכע מיר דאס לעבען געשענקט האבען.

ביידע: וואס זאגסט דוא?

תלמי: איך בין ניכט מעהר אלס איין פינדלינג.

ביידע: איין פינדלינג

תלמי: דיא וועלכע האט מיך געבארען האט מיך וועקגעווארפען אלס איך נאך איין זייגלינג וואר אונד וויא איך האב שפעטער ערפאהרען האט זיך דאמאלס א שיפער מיינער ערבארמט, מיך נאך פערזיען געבראכט אונד איינעם קינדער לאזען פירסטען פערקויפט אונד אבוואהל וויא איין פירסטען קינד ערצאגען, איזט מיין הערץ איהם דאך פרעמד געבליעבען, איהם וויא אויך יענעם לאנדע, שטענדיג האט זיך מיין הערץ נור געזעהנט נאך יענעם פלאטץ ווא דער שיפער האט מיך געפונדען... אבנר! שלומית! וואס איזט אייך? האט אייך מיין ערצעהלונג זא ערשיטערט?

שלומית: גוטער גאָט וועלכע אַהנונג?

אבנר: וויא אַלט בּיזט דוא?

תלמי: אַכטצעהן יאהרע.

אבנר: וואו האט דיך יענער שיפער געפונדען?

תלמי: ביים אופער פון דעם ירדן.

אבנר: עוויגער גאָט!

תלמי: מיין געביעטער!

אבנר: דיין פאטער! (וואנקט)

שלומית: מיין פאטער... בּאַרמהערציגער גאָט שטערקע מיינען פאטער דאס גליק צו ערטראגען זא העלדענמוטהיג וויא ער האט דאס אונגליק ערטראגען.

אבנר: וואו איזט מיין זאהן? קאמע שליעס דיך פעסטער אן מיינער ברוסט גאט נאך ניע האבע איך דאס טיעפע וועה פאן מיינער בלינדהייט זא ביטער געפיהלט אלס יעטצט, יעטצט ווען איך האב מיינען זאהן געפונדען אונד קען איהם ניכט מיט מיינע איגען זעהן.

תלמי: (אומארמט) פאטער... בין איך אבנר'ס קינד? ניכט זיין שקלאווע?

אבנר: שקלאווע! איך האב דיך דאצו געמאכט, פערציהע עס מיר קינד איינע פראפעציייהונג דאס דוא ווירסט איינסט געגען איגענען פאטער אונד פאטערלאנד קעמפפען האט מיך צו דיזען שריט געטריעבען אבער עבען דיזער שריט האט יענע פראפעציייהונג אין ערפיללונג געבראכט.

תלמי: זא וואר עס מיין אייגענעס פאטערלאנד געגען וועלכען איך האב געקעמפפט אין דער לעטצטען שלאכט? אונד דיזע ברוסט וועלכע מיין שווערד וואלטע דורכבאהרען וואר דיא מיינעס איגענען פאטערס?

אבנר: דער הימעל עוויגער ווילע איזט געשעהען, יעטצט בּיזט דוא מיר וויעדער געגעבען, קאמט מיינע ליעבע קינדער, מיינע צוויא אויגען אבוואהל פערבאנט האב איך דאך ערשט יעטצט גליק אונד רוהע געפונדען, קאמט!

תגלים: האלט!!! וואהין? מיט אונז מוזט איהר געהען, מיט אונז אינס שלאכטפעלד, וענד ווער דען הערגעקאממען אום וויעדער היים צו

קֶעהרֶען מִיט נִיכְשִׂם? אַן דֵיינֶע פֵיינְדֶע רַאבֶע צוּ נֶעהמֶען דַאס וַואר אוּנֶזער צְווֶעק!

אבנר: אַבֶּער וֶוען אִיךְ אֵייעֶר הִילְפֶע נִיכְט פֶערְלַאנְגֶע! גֶעהְט! דִיא רַאבֶע אַבְנֵר׳ס דִיא ווירְד גָאט עֶרְפִילֶען.

סעלים: וָא גֶעה דוּא אַלֵיין וָוא דוּא ווילְסְט, אַבֶּער דֵיין זָאהְן דֶער אִיזְט אוּנֶזעֶרער, עֶר הַאט אוּנְז אוֹיס אוּנֶזערֶע הֵיימַאט הִיער הֶערְגֶערוּפֶען, עֶר הַאט אוּנְז גֶעשְׁוָואהרֶען עֶווִיגֶע טְרֵייעֶ אוּנְד וִויר אִיהְם, אוּנְד דִיעֶזֶען הֵיילִיגֶען שְׁוואוּר קַאן נוּר לֶעזֶען אוּנְזֶערֶע זִיעֶגֶעס פַאהְנֶע אוֹיף יְרוּשָׁלַיִם׳ס מוֹיעֶרֶען.

אבנר: אִיזְט עֶס וַואהְר תַּלְמַי? הַאסְט דוּא גֶעשְׁוָואהְרֶען?

תלמי: יָא פַאטֶער פִיר דִיךְ.

אבנר: וָא מוּס אִיךְ צוּם עֶרְשְׁטֶען מַאל אִין מֵיינֶעם לֶעבֶּען פַאר דֶעם פֵיינְד אוֹיף מֵיינֶע קְנִיעֶן זִינְקֶען, סֶעלִים (קניעט) זִיעהֶע דֶען גֶענֶערַאל אַבְנֵר פַאר דִיר קְנִיעֶן, גִיעב דֶען אוּנְגְלִיקְלִיכֶען פַאטֶער זֵיינֶען זָאהְן צוּרִיק, בֶּעפְרֵייעֶ אִיהְם פַאן זֵיינֶען שְׁוואוּר! הֶערֶע מִיךְ סֶעלִים! אִיךְ בֶּעשְׁווֶערֶע דִיךְ בֵּיים נַאמֶען פַאטֶער, בֵּייא דִיעֶזֶען הֵיילִיגֶען נַאמֶען, וֶועלְכֶער גִילְט אַלְס דַאס הֶעכְסְטֶע בֵּייא אַלֶע פֶעלְקֶער דֶער גַאנְצֶען וֶועלְט, בֵּיים נַאמֶען פַאטֶערְלַאנְד וַואס אוֹיךְ בֵּייא אֵייךְ הֵיילִיג אִיזְט, קֶענְטֶעט אִיהר דֶען צוּזֶעהֶען דַאס אֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע זֶעהְנֶע זָאלֶען אֵייעֶר אֵייגֶענֶעס פַאטֶערְלַאנְד פֶערְוִוסְטֶען, שֶׁענְקֶע מִיר מֵיינֶען אֵיינְצִיגֶען זָאהְן צוּרִיק! (שטעהט אויף) בִּיזְט דוּא שְׁטוּם? ווילְסְט דוּא מִיךְ נִיכְט הֶערֶען? קַאן מֵיין יַאמֶערְן דֵיין פֶעלְזֶענְהֶערְץ נִיכְט רִיהְרֶען? ... תַּלְמַי!

תלמי: פַאטֶער!

אבנר: דֵיין שְׁוֶוערְד!

תלמי: וַואס ווילְסְט דוּא טְהוּן פַאטֶער?

אבנר: דֵיין הֶערְץ דוּרְכְבָּאהרֶען וִויל אִיךְ! אֵיינֶע לֵייכֶע זָאלְסְט דוּא פַאר מֵיינֶע פִיעסֶע זִינְקֶען, בֶּעפָאר דוּא זָאלְסְט צוּם צְווֵייטֶען מַאל צִיעהֶען דֵיין שְׁוֶוערְד גֶעגֶען דַאס אֵייגֶענֶע פַאטֶערְלַאנְד.

תלמי: (גיט זיא איהם) דוּא זָאלְסְט מִיךְ ווירְדִיג פִינְדֶען דֵיין זָאהְן צוּ הֵייסֶען! (קניעט) עֶס אִיזְט דֶער שֶׁעהְנְסְטֶער טָאדְט דֶען אִיךְ מִיר ווינְשֶׁען קַאן! שְׁטָאס צוּ!

סעלים: האלט איין! (ענטרייסט איהם דאס שווערד) בעוואונדערנסווערט זייט איהר ביידע פאטער אונד זאהן! פריי ביזט דוא תלמי פאן דיינען שוואור, געה מיט דיינען פאטער! (אומארמונג) איך אבער איך ציעהע ניכט נאך מיינער היימאט ווידער, מיינע פערזישע זיעגעספאהנע דיא ווירד באלד געזעהען ווערדען אויף דיא מויערען פאן אייער הויפט-שטאדט, פארווערטס נאך ירושלים אבנר אונד ראבע. (בעשטייגען דיא בריקע)

אבנר: אונד דאהין געהן אויך וויר, קראפט גענוג פיהל איך נאך אין מיינע אדערן, מוטה אין מיינער זעעלע, מיינע צוויא אויגען זייט איהר ביידע מיינע קינדער, קאמט פיהרט מיך נאך ירושלים!

שלומית: פאטער האבט דוא דען פערגעסען דאס דיך ערווארטעט דארט דער טאדט?

אבנר: אבנר אונד ראבע שרייען אונזערע פיינדע, אין מיינעם נאמען געהען זיא דאס פאטערלאנד פערוויסטען, מיין נאמען ווירד צום פלוך ווערדען ביי יעדען בירגער, ביי יעדען קריעגער, יעטצט ערשט ווערדען מיינע פיינדע טריאומפפירען אונד מיינע שולד בעווייזען, ניין וויא איין טאדטער דעם גראב ענטשטיעגען וויל איך פרעטצליך אויפטויכען אין דער מיטע פאן מיינע טרייע קאלדאטען פיר דאס פאטערלאנד, אונד צווישען דיא מיינינע וויל איך גערנע פינדען מיינען טאדט.

ביידע: אונד וויר דיינע קינדער צוזאמען מיט איהרעם פאטער.

פערזער: אבנר אונד ראבע.

ארע: אבנר אונד פאטערלאנד. (אלע אב)

פֶּערְוואַנְדְלוּנְג.

(גארטען, אויפטריט מילכה)

מילכה: פֶּרֶצְ'ל... פֶּרֶצְ'ל... פֶּרֶצְ'נְיוּא!... וְויא זָאל עֶר זַיין?... זַייט דֶער קֶענִיג הָאט זִיךְ אִיבֶּערְצַייגְט וְויא גוּט אוּנ פְּרוּם מַיין פֶּרֶצְ'ל אִיז, וְויא עֶהְרְלִיךְ, וְויא גֶעטְרַייא, הָאט עֶר אִיהְם אוֹיפְגֶענוּמֶען צוּ זִיךְ אִין זַיין קֶענִיגְלִיכֶע וַואכֶע, אוּנ אִיךְ... וְויים אִיךְ? אַז אִיךְ וִויל פְרַייט עֶס מִיךְ וָואס מַיין פֶּרֶצְ'ל וַואקְסְט אַלֶע מָאל הֶעכֶער, אוּנ אַז אִיךְ וִויל פְרַייט עֶס מִיךְ נִישְׁט, וַוייל אִיךְ קֶען אִיהְם יֶעטְצְט וֶועלְטֶען אַזוֹי וֶועהְן, (דראמעל געשלעגע) אוֹי אָט גֶעהְט עֶר! ע־ קוּמְט אָן! וְויא אוֹיסְגֶעצוֹיגֶען, וְויא שְׁטָאלְץ, טַאקִי אַזוֹי וְויא אַ גִּבּוֹר דַארְף גֶעהְן, אוֹי גָאטֶענְיוּא וֶועז וֶועל אִיךְ שׁוֹין אַמָאל וֶוערֶען זַיין גִּבּוֹר'טֶע.

(אויפטריט פרץ, וואכע, אויסגעצויגען מיט דעם זעבעל)

מילכה: פֶּרֶצְ'ל!

פרץ: (ווינקט איהר אוים דעם וועג צו געהן) **אֵי נוּא!** (מארשיערט וויטער)

מילכה: פֶּרֶצְ'ל! קוּק אִיךְ בִּין עֶס.

פרץ: אֵי נוּא מַפְסִיק! (אַב)

מילכה: וָואס הֵייסְט דָאס? עֶרְשְׁט נֶעכְטֶען הָאט עֶר מִיךְ גֶעקִישְׁט אוּנ הַיינְט וִויל עֶר מִיךְ שׁוֹין נִיט אָנְקוּקֶען!

(אויפטריט פרץ, וואכע, פון דער אנדערער זייטע)

מילכה: אָבֶּער פֶּרֶץ!

פרץ: (בעזערט זיך) **יְהוּדִי בְּלֹא!** (אַב)

מילכה: וָואס הֵייסְט דָאס? (קוקט ארויס) **אָה עֶר הָאט זִיךְ דָאךְ מְיַשֵּׁב גֶעוֶועז עֶר קוּמְט!** (שטעהט ברוגז)

פרץ: נוּא מִילְכָה'לֶע וָואס נָאךְ שְׁטֶעהְסְט דוּא פוּן וַוייטֶען? קוּם אַהֶער.

מילכה: יְהוּדִי בְּלֹא!

פרץ: מֵילָא בִּשְׁלוֹמָא אִיךְ, אִיךְ הָאבּ גֶעטְהוּן דִיא עֲבוֹדָה הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעטָארְט מַפְסִיק זַיין, אָבֶּער וָואס פַאר אַ רֶעכְט הָאסְט דוּא צוּ יְהוּדִי בְּלֹא'קֶען?

מילכה : האסט ניט געטארט מפסיק זיין ? דערפאר ?

פרץ : געווים דערפאר.

מלכה : אויב אזוי ! (שטעלט אויף דיא ליפען)

(אויסטריט חנוך)

חנוך : אוי.

ביידע : (ערשראקען) חנוך ?

חנוך : (וויינט) חנוך !

מילכה : דוא וויינסט ?

פרץ : וואס איז דיר ?

חנוך : איך בין אומגליקליך, איך בין פערליעבט.

פרץ : וואס פארליעבט האסט דוא געזאגט ? פארליעבט מיט וואס פאר א רעכט ?

חנוך : (ערשראקען) ווא... וואס איז דאס פאר א שאלה ? דוא מעגסט, איך טאר נישט ?

מילכה : פרצ'ל גאט איז מיט דיר !

פרץ : מילכה'לע דעם אמת האט ער דיר געמאכט ליעבעס ערקלעהרונג דאן ? (ציהט דען זעבעל)

חנוך : (ערשראקען) אוי וועה איז מיר ! האלט דיך איין, איך מיין דען זיא ?

פרץ : נישט זיא ? דוא זאלסט לעבען בלייבען ! (שטעקט איין דיא שווערד)

חנוך : אוי א טהייערע מציאה !

מילכה : און ווער דען איז דיין מציאה ?

חנוך : מיינע ? אפילו דוא אליין וועסט אויך מודה זיין אז זיא איז מעהר מציאה פון דיר.

מילכה : ווער איז זיא ?

פרץ : וואס איז זיא ?

חנוך : וויא איז זיא ?

מילכה : וואס ? דוא ווייסט גאר נישט וויא זיא איזט ?

חנוך : שיער האב איך געמיינט אט האב איך זיא אין מיטען דרינע (פאטש מיט דיא הענד) קורוקווא אוועק געפלויגען נישט דא.

פרץ : און אויך זא איינע זאגסט דוא אז זיא איז מעהר מציאה פון מיין מילכה'לע ?

חנוך: זיין ניין פרצ'ל, זייא ניט בייז אויף איהר, רעד ניט חלילה קיין שלעכט ווארט אויף איהר. אין אמת'ן ארייין וואס איז זיא נעביך שולדיג אז זיא ווייסט נאך גאר אין גאנצען ניט צי בין איך אין איהר פערליעבט.

ביידע: וואס?

חנוך: אט דאס איז דאך מיין אומגליק, איך האב מיך פערלאזט אויף אנטיגנוס'ן ער זאל זיין מיין שדכן, הלוואי וואלט ער געוועזן דעם קאפף צערבראכען איידער איך האב איהם דערקענט.

פרין: אנטיגנוס? ביזט דוא נישט מעהר זיין שרייבער?

חנוך: (ערשראקען) איך... איך האב נישט געשריעבען... איך וויים פון גאר נישט... איך בין גאר נישט שולדיג.

פרין: וואס נישט שולדיג? וואס האסט דוא דיך אזוי ערשראקען?

חנוך: איך... איך... איך האב מיך נישט דערשראקען... וואס האב איך מיך צו שרעקען... אז—אז זיא האט געשוואהרען אז זייא זענען אזוי וויא זייא זענען האט ער געשיקט זאגט זיא אזוי וויא זייא זענען געוועזן זענען זייא אונ אונ אונ שוין, וואס וויים איך?

מילכה: פרצ'ל ער ווייסט פון עפיס.

פרין: האסט רעכט, חנוך וויא לאנג ביזט דוא געוועזן בייא אנטיגנוס?

חנוך: אזוי לאנג זאל ער ליעגען אונ קרענקען אין איין זייט אונ דערנאך זאל ער זיך איבערקעהרען אויף דער אנדערער זייט אונ ווייטער קרענקען, אוי דורך איהם בין איך אזוי אומגליקליך.

פרין: פאר וואס דורך איהם?

חנוך: ווייל ער האט פערדאומגליקט אבנר'ן.

פרין: וואס געהט דיך אן אבנר?

חנוך: ווייל מיט אבנר איז דאך אבנר'ס טאכטער אויך אוועק.

פרין: וואס געהט דיך אן אבנר'ס טאכטער?

חנוך: הערסט דוא? זיא איז דאך מיין געליעבטע.

ביידע: ווער? חה חה חה!

פרין: חה חה חה! אבנר'ס טאכטער? חה חה חה!

מילכה: חה חה חה! שלומית? חה חה חה!

חנוך: חה חה חה! פאר וואס פאר וואס לאכט איהר? חה חה חה!

פרין: אוי מיינע קישקעס! חַ חַ חַ!

מיירכה: אוי מיינע זייטען! חַ חַ חַ!

חנוך: אוי מיינע געהירען! חַ חַ חַ! פאר וואס לאכט איהר?

(אויפטריט אנטיגנוס)

אנטיגנוס: וואס איזט הִיער? (זייא בעמערקען איהם ניט ער ווירד הינגעריסען אונד לאכט מיט זא לאנגע ביז טראמפעטענשאל אלע לויפען אב, קעניג געפיהרט פאן 2 סאלדאטען).

אנטיגנוס: מיין הערר אונד קעניג!

קעניג: וואס ווילסט דוא ווידער, בין איך דען פערארטהיילט דיר איבעראל צו בעגעגנען? דוא וועלכער האסט דיא וועלט געצייגט וויא מאכטלאז איין קעניג איזט ווען ער איזט ניכט גענוג פארזיכטיג אין דער וואהל פאן זיינע ווארטע, דוא וועלכער האסט פערשטאנדען דיך דעם שטראפגעריכט צו ענטציהען אבוואהל דוא האסט געגען מיין ווילען געהאנדעלט, דוא ביזט דיא אורזאכע מיינער קראנקהייט, פערלאס מיך, פיעלייכט ווערדע איך דאך איינמאל ערלעזט פאן דעם קוועהלענדען צווייפעל אין מיינעם הערצען.

אנטיגנוס: דאס עבען איזט דיא אורזאכע פאן מיינעם יעטצטיגען קאמען צו דיר מיין הערר אונד קעניג, יעדער הויך פאן צווייפעל דער דיך קוועהלט אונד ענגסטיגט זאל ענדליך גאנץ פערשווינדען, אה מיין קעניג, ערשט יעטצט איזט עס קלאהר בעוויעזען דאס דוא האסט דען פערהעטער אבנר מיט רעכט פאן דיר פערטריבען (פערייאגט), אונד אויך איך, איך דארף יעטצט מיינע הענדע ריין צום הימעל אויפהעבען, דיעזע טרייע הענדע וועלכע האבען דען פערהעטער געבלענדעט! הערע מיין קעניג, איינע אונגעהייערע גראסע צאהל פאן פערזער זינד אין אונזער לאנד איינגעדרונגען, אום איהר היימאטה גערופען האט זיא יענער יונגלינג וועלכער אבנר האט דאמאלס אין זיין הויז אויפגענאמען, „אבנר אונד ראכע" זא שרייען דיא פיינדע איבעראל וואהין זייא קאמען שטעדטע אונד דערפער פערוויסטענד, רויבענד אונד מארדענט.

קעניג: שפריכסט דוא וואהר אנטיגנוס?

אנטיגנוס: שיקע באטען איבעראל הין אונד איבערצייגע דיך פאן דער טרויריגער וואהרהייט.

קעניג: אונד ער אליין? ווא איזט ער? צוזאמען מיט דיא פיינדע?

אנטיגנוס: וואצו דען שרייען זייא אבנר אונד ראבע ווען ער אליין ווערע ניכט אין איהרע מיטע?

קעניג: גאט איך דאנקע דיר! וויא פורכטבאר געדריקט האט מיך דער פלאן דער אונוויסענהייט! באלד האב איך געפלוכט מיינע בארמהערציגקייט וועלכע האט איהם דאס לעבען געשענקט, באלד מיינע שטרענגע וועלכע האט איהם פערבאנט, באלד וואלטע איך דיא האנד בעשטראפען וועלכע האט איהם געבלענדעט, באלד וויעדער דיעזע האנד בעלאהנען. דאנק זייא דעם הימעל דאס איך זעה ענדליך דאס הערץ פאן דעם פערדעמטער אפען, זיינע פאלשהייט ליעגט יעטצט קלאהר פאר מיינע אויגען, יעטצט ענדליך האבע איך געוויסהייט אונד דיעזע האנד וועלכע האט איהם זיינע אויגענבליכט אויסגעלאשען דיעזע האנד וויל איך יעטצט בעלאהנען! אנטיגנוס מיין פריינד, פאן דיעזען אויגענבליק אן ערקלערע איך דיך אלס מיין העער פיהרער! וועהלע דיר זעלבסט איינע צאהל פאן אונזערע העלדען אונד פיהרע זיא דען פיינד ענטגעגען.

אנטיגנוס: מיין קעניג ווירד זיך באלד איבערציינגען דאס זיין טרייער דיענער אנטיגנוס איזט ווירדיג דיעזעס האהען ראנגעס.

(אויבטריט ארע)

פרין: מיין קעניג!

קעניג: וואס ווילסט דוא?

פרין: אבנר'ס פרויא איזבל.

קעניג: איזבל?

אנטיגנוס: (אפארט) וואס קאן זיא וואלען? לאס זיא ניכט פאר מיין קעניג.

קעניג: ווארום דען? (צו פרין) איך וויל זיא הערען.

פרין: א שענער תכלית איז פין איהר געווארען. (אב)

אנטיגנוס: מיין הע'ר אונד קעניג, אין דיעזער שטונדע דער געפאהר אונד זארגען זאל דיך זיין ווייב איבערהערשען? זיא קאנטע פיעלייכט דיין צווייפעלס קוואהל ערהעהען, יעטצט נאכדעם שאן אלעס קלאהר בעוויעזען איזט.

(אויפטריט מילכה)

מילכה: גאט ערבארמע דיך.

קעניג: ווארום וויינסט דוא?

מילכה: אך מיין גוטער קעניג, איך בעוויינע מיינע געוועזענע הערין דיא שעהנסטע פאן אלע פרויען, זעהט וואס אויס איהר איזט געווארען?

(אויפטריט איזבל אין שווארצען צעריסען, האאר אויפגעלעזט)

איזבל: ווארום בליקט איהר מיך זא ערשראקען אן? מיין פינסטערער בליק דער קאן יא יעמאנדעם עטוואס צו ליידען טהוען, דאס היער זינד מיינע אויפגעלעזטע לאקען אבער קיינע שלאנגען, דאס היער דיעזע ברענענדע צייכען אויף מיינער שטירנע, דאס איזט עס וואס איינען יעדען ציטערען מאכט, זעהט איהר וואס אויף מיינער שטירנע געשריעבען שטעהט? קענט איהר לעזען? לעזט עס מיט פייערינע בוכשטאבען, גליהען דארט אלע מיינע פערברעכען, פערראט אן דען מאן! פערראט אן דען קעניג! פאלשעס צייגנים, פאלשער שוואור, לוג, בעטרוג אונד מארד, אונד דיעזע אלע פערברעכען ווערפען מיך יעטצט ניעדער פאר דיינע פיעסע מיין קעניג. (קניעט)

קעניג: וייב וואס איזט דיר? שפריך, וואס האסט דוא געטהאן? ווער עס ניכט וואהרהייט וואס דיין מונד האט דאמאלס געשוואהרען?

אנטיגנוס: מיין קעניג! זיא איזט יא וואהנזיניג! הערע זיא ניכט אן מיין הערר אונד קעניג, דוא זיעהסט יא דאס זיא האט איהרען פערשטאנד פערלארען.

איזבל: (ריכטעט זיך אויף) מיינען פערשטאנד האבע איך דאמאלס פערלארען ווען דוא ווארסט מיין בלוטיגער ראטהגעבער!

קעניג: רעדע וייב, רעדע אבנר'ס פערברעכען.

איזבל: ווער איינע ליגע.

קעניג: אונד זיינע בריעפע?

איזבל: זינד פערפעלשט פאן דיעזען שורקען!

קעניג: אונגליקליכע! נור אויף דיינעם צייגנים האבען איהם זיינע ריכטער פערארטיילט.

איזבל: איך וייס עס, איך בין יא ניכט געקאממען דיך אום גנאדע צו בעטען, גערעכטיגקייט נור איזט עס וואס איך בעגערע! בעשטראפע

מיך, צערטרעטע אונד צערשטערע מיך עלענדע, זא וי א איך האב איהם דעם אונשולדיגען צערשטערט! דער בליטץ פאן דיינעם צארן זאל אויך דיעזען שופט פערצעהרען! דאס שווערד פאן דיינער ראכע זאל אונז ביידע פערניכטען, וויר ביידע זינד יא ניכט איין אויגע ווערטה דאס ער דורך דיעזען מערדער פערלארען האט, אבער דער ראכע נייסט פאן דעם פערטריעבענען אבנר דער רוהט ניכט, זייט יענעם אונגליקליכען טאג צעהרט ער לאנגזאם אן מיינעם הערצען, זויגט מיר דאס בלוט אויס מיינע אדערן, וואס איך געניעסע איזט גיפט, טריעב אונד דונקעל איזט מיר דאס ליכט פאן דעם טאג, אונד דיא נאכט פייניגט מיך מיט פורכטבארע טריימע, דיעזע נאכט האב איך איהם וויעדער אין מיינעם טרוים געזעהען אבער הערט!... אן זיינעם הערצען איזט איין קינד געלעגען, איין קינד אין וועלכעם איך האב מיין זאהן ערקענט, אונד מיט ליעבע פאלע טרעהנען האט איהם דאס קינד גערופען פאטער, ווערהענד איך... איך בין איינזאם, זאגאר מיינע איינציגע טאכטער האט מיך אויך פערלאסען, אלעם מיידעט מיך... אלעם ענטפליהט פאן מיר... מען צייגט נור מיט דיא פינגער... ווייכט איהר אויס דעם וועג דיעזער זאט פערפלוכטען אשה רעה! אשה רעה! (זיא וואנקט צום פאלע, פרץ מילכה האפען זיא אונד פיהרען זיא אב)

קעניג: נון אנטיגנוס וואס זאגסט דוא יעטצט?

אנטיגנוס: יא גיפטיג איזט דער פפייל וועלכען זיא האט לאו געדריקט דאך מיינען אונשולדיגען קאפף קען ער ניכט טרעפען, דען דאמאלס האט זיא וואהרהייט געשפראכען, יעטצט, יעטצט אבער, יעטצט זאגט זיא איינע ליגע, דורך איהר צייגניס דאמאלס האט זיא פערלארען איהר מאן, איהרע טאכטער, עהרע, גלאנץ, אונד דאס בערייעט זיא יעטצט.

(אויפטריט פרץ, מילכה)

פרץ: איך שריא געוואלד, איך קען עס ניט מעהר אויסהאלטען, איך שפרינג אויס דער הויט, איך פלאטץ, איך עקספלאדיער, קעניג! טהייערער קעניג, ליעבער קעניג, אונ ווען עס זאל מיך אויך מיין לעבען קאסטען עטליכע ווערטער מוזט דוא מיך אויסהערען.

קעניג: שְׁפְּרִיךְ!

פּרץ: אָבֶּער דֶער תַּכְשִׁיט דַארְף עֶס נִיט הֶערֶען, נוּר אוֹיף אַ הַאלְבֶּער מִינוּט... בָּארְג מִיר אֵיינֶם פוּן דֵיינֶע גְנֶעדִיגֶע אוֹיעֶרֶען.

קעניג: קָאם הֶער. (קניעט, פליסטערט איהם אינם אויער)

אנטיגנוס: (אפארט) וַואס קֶענְטֶע דִיעזֶער עֶזֶעל עֶטְוַואס וִויסֶען, אַךְ! וַואס! אַנְטִיגְנוֹס נוּר קֵיין מוּטֶה פֶערְלִיעֶרֶען.

קעניג: גוּט! גֶעה!

מילכה: פְּרֶצִ'ל!

פּרץ: יְהוּדִי בְּלֹא. (אב)

קעניג: אַנְטִיגְנוֹס דוּא זִיעהָסְט אִיךְ הַאבּ דִיךְ רוּהִיג אוֹיסְגֶעהֶערְט וֵוייל דוּא הַאסְט פֶערְשְׁטֶעהְנְדִיג גֶעשְׁפְּרָאכֶען.

אנטיגנוס: דִיא וַואהְרְהֵייט מֵיין קֶענִיג.

קעניג: דָאךְ אַנְטִיגְנוֹס גְלֵייךְ וִוירְד נָאךְ אֵיין צֵייגֶע עֶרְשֵׁיינֶען וֶועלְכֶען אִיךְ וִויל אוֹיסְהֶערֶען, דוּא אַבֶּער מוּזְט בְּלַייבֶּען שְׁטוּם אוּנְד אָהְנֶע רֶעגוּנְג שְׁטֶעהְן, שְׁפְּרִיכְסְט דוּא אַבֶּער אֵיין וָוארְט אָדֶער גִיעבְּסְט דוּא אִיהְם אֵיינֶען וִוינְק זָא וִוירְסְט דוּא פָאן דֶעם זֶעלְבֶּען שִׁיקְזָאל גֶעטְרָאפֶען וִויא אַבְנֶר'ס בְּלִינְדְהֵייט אוּנְד פֶערְבַּאנוּנְג.

אנטיגנוס: מֵיין הֶערְר אוּנְד קֶענִיג.

קעניג: פִּירְכְטֶע נִיכְטְס מֵיין פְרֵיינְד, דִיךְ וִוירְד זַא שִׁיטְצֶען דֵיינֶע אוּנְשׁוּלְד.

(אויפטריט חנוך געפיהרט פון פרץ)

קעניג: וִויא אִיזְט דֵיין נַאמֶען?

חנוך: (קניעט ציטערנד) חַ חַ חֲנוֹךְ

קעניג: וַואס נָאךְ?

חנוך: אִיךְ הַאבּ נִיט מֶעהְר.

קעניג: וַוארוּם וֵויינְסְט דוּא?

חנוך: וַוייל אִיךְ בִּין אוּמְגְלִיקְלִיךְ.

קעניג: אִין וַואס בֶּעשְׁטֶעהְט דֵיין אוּנְגְלִיק?

חנוך: אִיךְ בִּין פֶערְלִיעבְּט.

קעניג: (בליקט אויף אנטיגנוס, אפארט) וֶוערֶע עֶס מֶעגְלִיךְ דַאס זָא אֵיינֶער מִיטְשׁוּלְדִיגֶער וֶוערֶע? חֲנוֹךְ! אִיךְ הַאבֶּע גֶעהֶערְט דַאס דוּא בֶּעזִיטְצְט אֵיינֶע בֶּעזָאנְדֶערֶע פֶעהִיגְקֵייט אִין דֶער שְׁרֵייבּ קוּנְסְט!

חנוך : ווא ווא וואס ושע בין איך שולדיג? פ... פון וואגען קען איך וויסען אז אנדערע וועלען וויסען אז וואס מען דארף ניט וויסען, וועסט דוא וויסען אז איך ווייס פון נישט צו וויסען. (שלאגט זיך אין די האנד) נא נא נא נא.

קעניג : חנוך פירכטע ניכטס, הערע וואס דיין קעניג דיר זאגט, ענטדעקסט דוא מיר דיא גאנצע וואהרהייט דאן ענטלאסע איך דיך גאנץ אונ־בעשטראפט.

חנוך : (שפרינגט אויף פרעהליך) אויב אזוי מזל מיט ברכה! האב איך נישט אבנר'ס טאכטער זאל ער אויך נישט האבען אבנר'ס שטעלע, א מכה מיט פעפער.

קעניג : אבנר'ס שטעלע אבנר'ס טאכטער?

חנוך : יא טהייערער קעניג, מיר ביידע האבען זיך בעדינגען מיר זאלען אבנר'ן ירשענען ביים לעבען ער זיין שטעלע אונ איך זיין טאכטער.

קעניג : ערצעהלע דייטליך.

חנוך : (וויינענד) איך בין א מענש מיט איין אפען הארץ, איז מיר שלומית אבנר'ס טאכטער אקעגען געקומען אונ זיא האט געזעהן דאס הארץ איז אפען איז זיא מיר אריין געפלויגען אין הארץ אריין, בין איך געווארען אומגליקליך, ער האט דאס בעמערקט קומט ער צו מיר מיט א פאק בריעף געשריעבען פון אבנר'ן צו זיין פרויא.

קעניג : אונד וואס וואר דארט געשריעבען?

חנוך : פון זיין בענגעניש, פון זיין ליעבעניש, פון זיין באלד אהיים קומעניש אונ נאך אונ נאך לויטער גוטע זאכען, זאגט ער מיר אזוי, חנוך! דוא האסט א גרינגע האנד קוק דיך גוט צו צו דיעזער האנדשריפט, מאהל זיא נאך אונ שרייב וואס איך וועל דיר הייסען אונ עס וועט שוין זיין רעכט! וואס זאל איך וויסען? אמת טאקי איך האב א גרינגע האנד דערפאר אבער האב איך א פערשטאפטען קאפף אונ איך האב געמיינט וואס ער זאגט איז תורת לאקשען. האט ער פארגעזאגט אונ איך האב געשריעבען, אונ דיא בריעף האבען בעקומען א פנים זאל איהם אזוי זיין דאס מזל, אט האב איך דיר דערצעהלט דעם גאנצען אמת ליעבער קעניג אונ פרעג איהם, האב קיין מורא נישט... אה! א יא עס האט דיר אבגענומען דאס לשון? א יא דוא בזט געבליעבען וויא א גולם?

קעניג: נון אנטיגנוס האסט געהערט?

אנטיגנוס: יא! דאך ווען טויזענדער ציינגען זאלען רופען אבנר איזט אונשולדיג איך אבער בין איבערצייגט דאס ער איזט איין פעררעטער.

קעניג: פערשטימע! פלוך ווירדיגער פערליימדער! גיפטיגע שלאנגע, אה ווען איך יעטצט קיין קעניג ווערע זא מעכטע איך דיין הענקער זיין, מיט אייגענע הענדע מעכטע איך דיך ערווירגען אונד אין דיא עוויגע העלע שיקען, פארט מיט איהם אין פינסטערען קערקער ביז זיינע פערדיענטע שטראפע ווירד איהם טרעפען! (אלע פיהרען איהם וועק, פרץ מילכה קומען צוריק) לאסט דורך דאס גאנצע לאנד זיינע אונשולד פערקינדען, ברענגט מיר דען טרייען פריינד צוריק, זאגט איהם דער קעניג וויל איהם זיינע קראנע וועקגעבען!

(אויפטריט שלומית)

שלומית: נאך דיא קראנע וואר גיע זיין פערלאנגען אונד יעטצט נאך פיעל וועניגער.

קעניג: קנאבע ווער ביזט דוא?

שלומית: ערקענט דער קעניג ניכט מעהר אבנר'ס טאכטער?

קעניג: שלומית?

ביידע: (וויינענדיג) שלומית'ל? טהייערע שלומית'ל, גוטע שלומית'ל.

קעניג: דוא דער איינציגע פאן אלע וועזען וועלכע האט דעם פערטריע־בענען ניע פערלאסען? אונד ער וויא איזט מיין טהייערער פריינד?

פרץ: דער גוטער פרומער אבנר, וויא איז ער?

שלומית: אן דער שפיטצע פאן דיינע טרייע קריעגער, אבוואהל איהם פעהלט זיין אויגען ליכט דאך ניט ערלאשען דאס ליכט זיינעס גייסטעס געפיהרט פאן זיין נייא ענטדעקטען זאהן האט ער פלעטצליך אויפגעטויכט אין דער מיטע פאן זיינע טרופען וועלכע ער האט איינסט קאמאנדירט.

פרץ: אוי פאר וואס בין איך דאביא ניט געוועזען?

שלומית: בעגייסטערט וואַרען אלע בייא זיינער ערשיינונג, אונד אונטער זיינעם קאמאנדא האבען זיא דען פיינד פעריאגט אונד בעזיעגט.

פרץ: נוא מיין קעניג וואס זאגסט דוא יעטצט?

קעניג: פיר בלינדהייט אונד פערבאונג בעצאהלט ער מיר מיט עהרע אונד זיעג! זא רעכט זיך איין פראמער העלד, אבער וואו איזט ער יעטצט?

שלומית: ער ערוואַרטעט פאן דיינער האנד דען טאדט.

ביידע: דען טאדט?

פרין: פאר וואס נעביך?

שלומית: וייל ער אהנע דיינע ערלויבניס דיעזען באדען וויעדער בעטרעטען האט.

קעניג: ער ווייסט נאך ניכט דאס זיינע אונשולד האט זיך בעוויעזען זא קלאהר וויא דיא זאנע?

שלומית: וואס הער איך?

פרין: יא שלומית'ל אונשולדיג וויא א מלאך.

מילכה: דיינע מוטער האט אלעס ענטדעקט.

שלומית: מיינע מוטער? איך ציטערע בייא דער פראגע וועגען דעם שיקזאל מיינער מוטער.

קעניג: פאר געוויסענסביסע איזט זיא גייסטעס געשטעהט.

שלומית: גאט מיינע אונגליקליכע פערפיהרטע מוטער!

קעניג: וויינע ניכט טהייערעס קינד, בייא מיינער קראהנע, אין אייער הויז זאל באלד וויעדערקעהרען גלאנץ, עהרע, פערזעהנונג אונד פריעדע, אונד ווען מעגליך מיינעם טרייען פריינד וויעדער זיין אויגען ליכט צוריק געבען.

ביידע: אה!

קעניג: קאם פיהרע מיך צו איהם, אויף מיינע קניע וויל איך פאר איהם זינקען אונד יאמערען אום פערצייהונג, קאמט קאמט אלע. (אלע אב)

פערוואנדלונג

(פראצעסען אין דעם זעלבען פראכט וויא אין ערשטען אקט שלום נאר אבנר אונד קעניג קאמען אויף איין עלעפאנד)

(פ א ר ה א נ ג.)

ענדע.

Die Schlechte Frau

Operette in 4 Acten

von

Josef Latteiner.

KRAKAU, 1907.
Druck von Josef Fischer, (Grodgass 62).
Verlag und Eigenthum v. David Roth Buchhandlung
Lemberg.